ד״ר מ. מערימאַן

שפּאַניש-יידישער לערנבוך

מיט אַ יידיש-שפּאַנישן ווערטערבוך

פערטע אױסגעבעסערטע אױפלאַגע

ISBN:0-657-12283-1
61-20

פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע
1930

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12283

SHPANISH-YIDISHER LERNBUKH

M. Meriman

Permanent preservation of this book was made possible by Enid J. Golinkin and children, Roger, Scott, Laurel and Lesley In memory of dear grandparents, Libby and Henry Belinky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

„האַס = יקאַ = עמיגדירעקט"

ד"ר מ. מערימאַן

שפּאַניש=יידישער לערנבוך

פירטע אויסגעבעסערטע אויפלאַגע

גראַמאַטישע כללים
און די אויסשפּראַך אין יידיש

בערלין — פּאַריז

1930

Printed in Poland.

Druk. Sikora i Mylner, Nowolipki 6

ד"ר מ. מערימאַן

שפּאַניש=יידישער לערנבוך מיט אַ יידיש שפּאַנישן ווערטערבוך

אין פארלויף פון 15 טעג קען זיך יעדער אויסלערנען די שפּאנישע שפּראַך. פון דעם ניי-דערשיינענע שפּאַניש יידישן לערנבוך פון ד"ר מ. מערימאַן

עטלעכע ווערטער וועגן דער נויטיקייט פון דער שפּאַנישער שפּראַך

נישט געקוקט דערויף, וואָס די יידישע איינוואנדערונג אין די שפּאַניש-שפּרעכענדיקע לענדער איז אין די נאָך-מלחמה-יאָרן שטארק אויסגעוואקסן, האָבן נאָך, ליידער, די יידישע עמיגראנטן נישט גענוג תּופס געווען, ווי וויכטיק ס'איז פאר זיי צו קענען די שפּאַנישע שפּראַך. די יידישע איינוואנדערונג אין די לענדער פון דרום-אמעריקע (ארגענטינע, אורוגוויי, טשילי און פּערו) און פון צענטראל-אמעריקע (קובא און מעקסיקע), ווו מ'רעדט שפּאניש, איז פאר די לעצטע יאָרן געווען נישט פיל קלענער, ווי אין די ענגליש-שפּרעכנדיקע לענדער. און דאָך זענען די יידישע עמיגראנטן מער נוטה צו לערנען ענגליש און באַציען זיך אָפּט גלייכגילטיק צו דער שפּאַנישער שפּראַך. זיי מיינען, אז מיט ענגליש אליין קאָן מען אומעטום אויסקומען.

אָן דער שפּאַנישער שפּראַך, איז דער ניי-אָנגעקומענער שטום, און קאָן דאָרט נישט האָפן אזוי לייכט צו געפינען ארבעט און פרנסה.

די עמיגראציע-פאריייניקונג „היאס-יקא-עמיגדירעקט" האָט דעריבער באַשלאָסן אנטקעגנצוקומען דעם יידישן עמיגראנט, וועלכער וויל אויסוואנדערן אין די אויבנדערמאנטע לענדער. מיר לאָזן אַרויס דעמדאָזיקן שפּאַניש-יידישן לערנבוך. זיין אויפגאבע איז צו דינען אלס לערנמיטל פאר די, וואָס זענען ביכולת אליין צו שטודירן די שפּראַך, און אויך צו דינען אלס אונטעריכטס-מעטאָדע פאַר די לערער גופא. דאָס לערנבוך איז צוגעפּאַסט צו די אינטערעסן פונם עמיגראַנט און צו זיינע הצטרכותן, אלס רייזענדער און ארבעטזוכער אין די נייע פרעמדע לענדער.

דער שפּאַנישער טעקסט פונם לערנבוך איז לויט אונדזער בקשה, דורכגעקוקט געוואָרן פון ה' כאָזע מאָלינאָס, דעם אורוגוואישן קאָנסול אין בערלין, וועלכן מיר דריקן דערפאר אויס אונדזער טיפן דאנק.

"היאס=יקא=עמיגדירעקט"

פאַרקויפט אין אלע בוכהאנדלונגען דעם **שפּאַניש=יידישן לערנבוך**

פון **ד"ר מערימאַן** פארלאג **א. גיטלין** ווארשא.

12 דרוק בויגן פּראַכט אויסגאַבע

פּרייז נאָר 3 זלאָט

Księgarnia E. GITLIN

Warszawa, Nalewki Nr.1, Konto P. K. O 5299.

הקדמה פון מחבר

שפּאַניש איז לעצטנס געוואָרן איינע פון די נויטיקסטע שפּראַכן פאַרן יידישן אימיגראַנט. יעדער איינציקער, וואָס פאָרט קיין דרום-אַמעריקע, באַזונדערס קיין אַרגענטינע, דאַרף קענען די דאָרטיקע אומגאנגס שפּראַך: שפּאַניש.

דאָסדאָזיקע שפּאַניש-יידישער לערנבוך איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן לויטן נייסטן מוסטער פון אייראָפּעישע לערנביכער, מעגלעכסט פּאָפּולער און פאָדערט נישט קיין שום באַזונדערע אָנשטרענגונגעןביים לערנען. ס'גייען אַהער אַריין נאָר די וויכטיקסטע גראַמאַטישע כּללים. אַ וויכטיקע זאַך איז די אויס-שפּראַך אין יידיש, ווייל דאָס גיט די מעגלעכקייט פּאָנעטיש גוט אַרויסצורייידן דאָס וואָרט.

איך האָב זיך באַמיט נישט צו באַלאַסטן דעם תּלמיד מיט צופיל גראַמאַטישע כּללים, נאָר זיי אַלע אַדורכצופירן אין דער פּראַקטיק. איך האָב זיך אויך באַמיט אַריינצופירן די נויטיק-סטע ווערטער, וועלכע דער עמיגראַנט דאַרף האָבן, אַראָפּשטייגנ-דיק פון שיף. צופיל ווערטער באַשווערט נאָר דעם מוח פונם תּלמיד. זאָל איינער אפילו אויסלערנען דעם גאַנצן שפּאַנישן ווערטערבוך אויף אויסנווייניק, וועט עס אים נישט געבן די מעגלעכקייט צונויפרייידן זיך אויף שפּאַניש. די הויפּט-ראָל ביים לערנען אַ שפּראַך שפּילן די פאַרבינדונגען; אַז מען ווייסט, ווי אויפצובינדן די ווערטער, דעמאָלט קען מען זיך שוין באַ-נוצן מיט אַ ווערטערבוך און אויפזוכן דעם נויטיקן וואָרט. אין

יעדער לעקציע גייען דאָ אריין אַ באַוווסטע צאָל ווערטער און פון די זעלבע ווערטער ווערן צוזאַמענגעשטעלט שאלות און תשובות. דאָס גיט די מעגלעכקייט יעדן איינציקן אין אַ פּופּצן לעקציעס צו קענען ריידן און שרייבן שפּאַניש. חוצדעם האָב איך נאָך צום סוף געגעבן באַזונדער די נויטיקסטע געשפּרעכן, וועלכע דער עמיגראַנט דאַרף באַנוצן: אויפן באַן, פּאָטשט, טע-לעגראַף, האָטעל א. א. וו. איך האָב אויך צוגעגעבן צום בוך אַ יידיש-שפּאַנישן ווערטערבוך פון די נויטיקסטע ווערטער, כדי דער תלמיד, פאַרגעסנדיק אַ וואָרט, זאָל אים תיכף קענען געפינען.

דאָס דאָזיקע לערנבוך איז צוגעפּאַסט סיי פאַרן אָנפאַנגער, סיי פאַר די, וואָס קענען אַנדערע שפּראַכן.

ד"ר מ. מערימאַן

Introducción איינלייטונג

די שפּאַנישע שפּראַך האָט 29 אותיות:

A, a	*A, a*	א הייסט	N, n	*N, n*	ענע הייסט
B, b	*B, b*	. בע	Ñ, ñ	*Ñ, ñ*	. עניע
C, c	*C, c*	. דסע	O, o	*O, o*	. אָ
Ch, ch	*Ch, ch*	. טשע	P, p	*P, p*	. פּע
D, d	*D, d*	. דע	Q, q	*Q, q*	. קו
E, e	*E, e*	. ע	R, r	*R, r*	. ערע
F, f	*F, f*	. עפע	— rr	— *rr*	. עררע
G, g	*G, g*	. כע	S, s	*S, s*	. עסע
H, h	*H, h*	.אַטשע	T, t	*T, t*	. טע
I, i	*I, i*	. אי	U, u	*U u*	או (וואָקאַל)
J, j	*J, j*	.כאָטאַ	V, v	*V v*	ווע (קאָנסאָנאַנטע)
K, k	*K, k*	. קאַ	X, x	*X x*	. עקיס
L, l	*L, l*	. עלע	Y, y	*Y y*	אי גריעגאַ
Ll, ll	*Ll, ll*	. עליע	Z, z	*Z, z*	. דסעטאַ
M, m	*M, m*	. עמע			

Pronunciación וועגן דער אויסשפּראַך

A, I און U ווערן אויסגעשפּראָכן ווי אין יידיש. דער
Λ ווערט אויסגעשפּראָכן ווי „אי״, אָבער פאַר וואָקאַלן ווערט
ער אויסגעשפּראָכן ווי דער יידישער „י״, למשל: Ya שוין —
לייען יאַ, Yo איך — לייען יאָ, Yerba גראָז — לייען יערבאַ,
Ayo דערציער—לייען אַיאָ.

אין די דרום-אַמעריקאַנישע לענדער, ווו מ׳רעדט שפּאַ-
ניש, ווערט דער Y פאַר וואָקאַלן אויסגעשפּראָכן ווי זש.

אין דרום אַמעריקע ווערן די Ll אויסגעשפּראָכן ווי
זש: למשל Calle גאַס קאַזשע.

E ווערט בעטאָנט אויסגעשפּראָכן: למשל: Padre פאַ-
טער, פאַ׳דרע; Madre מוטער מאַ׳דרע.

O ווערט אומגעפּער, ווי דער יידישער „אָ״, קורץ אויס-
געשפּראָכן, למשל: Lodo שמוץ לאָדאָ, Mano האַנט מאַנאָ.

B ווערט אויסגעשפּראכן ווי בע, אבער צווישן וואָקאַלן
ווערט ער ווייכער אויסגעשפּראָכן: Beber טרינקען לייען בע-
ווער, Boca מויל לייען באָקאַ. בכלל איז דער שפּאַנישער
נענייגט ארויסצוריידן דעם B ווי דעם יידישן „וו״.

C פאַר a, o, u, פאַר קאָנסאָנאַנטן און צום סוף פון
אַ זילבע ווערט אויסגעשפּראָכן ווי דער „ק״. למשל: Casa
הויז קאַסאַ; Comer עסן קאָמער; Cuero לעדער קועראָ;
Leccion לעקציע לעקדסיאָן. אבער פאַר i און e ווערט ער
אויסגעשפּראָכן ווי אין יידיש „דסע״. מען רעדט אים אביסל
אונטער די ציינער למשל Cinco פינף דסינקאָ; Cena
אוונטברויט דסענאַ.

Ch ווערט אויסגעשפּראָכן ווי טשע, למשל: Mucho
פיל מוטשאָ; Muchacho אַ יינגל מוטשאַטשאָ.

D ווערט זייער ווייך אויסגעשפּראָכן. סוף וואָרט דאַרף ער קוים ווערן אויסגעשפּראָכן. Madrid אַ שטאָט אין שפּאַניען לייען מאַדרידס.

G פאַר a, o, u, און קאנסאָנאַנטן ווערט אויסגעשפּראָכן ווי דער יידישער ג. Ganso א גאַנז גאַנסאָ; Gusto געשמאַק גוסטאָ; Grande גרויס גראַנדע. אבער פאַר i, e, ווערט ער אויסגעשפּראָכן ווי דער יידישער כ, למשל General גענעראַל לייען כענעראַלע; Gigante גיגאַנט כיגאַנטע, אויב מען דאַרף פאַר e און i דערהאַלטען דעם קלאַנג פון g שטעלט מען אינמיטן אריין א שטומען u, למשל guerra מלחמה לייען גערראַ. אויב מען דאַרף דערהאַלטן די אויסשפּראַך פון gue ווערט ארויפגעשטעלט אויפן ü צוויי פינטעלעך (אין שפּאניש crema). למשל Vergüenza חרפה לייען ווערגועֶנדסאַ.

H ווערט קיינמאָל נישט אויסגעשפּראָכן למשל: Hombre מענטש לייען אָמברע. Hacer טאָן אַדסער.

J ווערט אויסגעשפּראָכן ווי דער יידישער כ, למשל: judio א ייד כודיאָ: jabon זייף כאַבאָן; Don Quijote דאָן קיכאָט. jugar שפּילן כוגאַר.

K קומט נאר אין פרעמדווערטער: Kilogramo קילאָגראַם לייען קילאָגראַמאָ.

Ll איז ביי די שפּאַניער אַ באַזונדער אות און ווערט אויסגעשפּראָכן ווי א l מיט א j למשל Llave שליסל לייען ליאַווע, Calle גאַס קאַליע, Cabello האָר קאַוועליאָ

Ñ ווערט אויסגעשפּראָכן ווי דער פּוילישער ń למשל: Niño קינד לייען ניניאָ. Pequeño קליין פּעקועניאָ.

qu ווערט אויסגעשפּראָכן ווי אן איינפאַכער ק. למשל: quién ווער קיען. querer וועלן קערער.

R ווערט מיטן צונג אויסגעשפּראָכן. פון אָנהויב וואָרט ווערט ער שטאַרקער ארויסגערעדט; דער דאָפּלטער rr ווי אין

רײמש דער r פון Donnerwetter. למשל sombrero הוט
כאַמברערא, Rodilla קני ראָדיליאַ. Perro הונט פערראָ.

S ווערט תמיד אויסגעשפּראָכן ווי אַ יידישער ס. Pais
לאַנד פּאיס, Cosa זאַך קאָסאַ.

V ווערט אויסגעשפּראָכן ווי די יידישע וו. vino וויין
ווינאָ.

X ווערט אויסגעשפּראָכן ווי קס. Exagerar איבער-
טרײבן עקסאַכעראַר; próximo נעכסטע פּראָקסימא. אבער ווען
נאך דער פּאָרזילבע ex קומט א קאנסאָנאַנט, ווערט ער פשוט
אויסגעשפּראָכן ווי es למשל: Extranjero פרעמדער עס-
טראַנכערא.

Z ווערט אויסגעשפּראָכן ווי דס. למשל: zapato שיך
דסאַפּאַטאָ; Nariz נאָז נאַרידס; Azucar צוקער אַדסוקאַר.

Leccion primera ערשטע לעקציע

א) אין דער שפּאַנישער שפּראַך זיינען די זאַכווערטער אדער פון מענלעכן מין אדער פון ווייבלעכן מין. דאָס אַרטיקל El איז פאַר מענלעכן מין, דאס ארטיקל La איז פּאַר ווייבלעכן מין. דאס מיטעלע געשלעכט מיטן ארטיקל Lo ווערט בענוצט בלויז פאר אַבסטראַקטע באגריפן, למשל Lo bueno לאָ בּוּענאָ, דאָס גוטע.

El papel	על פּאַפּעל׳ 1)	דאס פּאַפּיר
El libro	על לי׳בראָ	דאס בוך
El lápiz	על לאַ׳פּידס	דער בלייפעדער
El tintero	על טינט׳עראָ	דער טינטער
El sombrero	על סאָמברע׳ראָ	די הוט
El bastón	על באַסטאָ׳ן	דער שטעקן
La pluma	לאַ פּלו׳מאַ	די פּענע
La regla	לאַ רע׳גלאַ	די ליניקע
Qué	קֶע׳	וואָס, וועלכער
Ésto	עַ׳סטאָ	דאָס
Es	עס	איז
Si	סי	יא
Si señor	סי סעניאָ׳ר	יאָ, מיין הער
No	נאָ	ניין
Y	אי	און

1) דער אַפּאָסטראָף ווייזט אָן, אז אויף אים דארף מען שטעלן די צבינת

¿ Qué es ésto ?	וואס איז דאָס ?
Es el libro	דאס איז דאס בוך
Es la pluma	דאס איז די פענע
¿ Es ésto el lápiz ?	צי איז דאס דער בלייפעדער?
¿ Es ésto la pluma ?	צי איז דאס די פענע ?
No, no es la pluma	ניין, ס'איז נישט די פענע
Si, ésto es el bastón	יא, ס'איז דער שטעקן

ב) דער פראגע-צייכן La interrogación און דער אויפ־רוף-צייכן La admiración שטעלן זיך אין שפאניש אין אנהויב זאץ און סוף זאץ.

ג) פונקט ווי אין פויליש Pan און אין דייטש Sie (העפ־לעכע פאָרם) אזוי ווערט אין שפאניש אויך באנוצט דאס ווארט Usted איר, לייען אוסטע; מערצאל Ustedes איר, אוסטעדעס. אין שרייבן ווערן דידאזיקע ווערטער פארקירצט. נעמליך: פאר איינצאל Vd. און פאר מערצאל Vds. דאָס וואָרט Usted נעמט זיך פון Vuestra merced אייער גענאָד.

Tengo	טע'נגאָ	איך האב
Tiene	טיע'נע	ער, זי, עס האט
Vd. tiene	אוסטע טיע'נע . Sie haben :דייטש	איר האט
¿ Què tiene Vd. ?		וואס האט איר ?
Tengo el tintero		איך האב דעם טינטער
¿ Tiene Vd. el lápiz ?		צי האט איר דעם בלייפעדער?
No, no tengo el lápiz		ניין, איך האב נישט דעם בליי־
Tengo la pluma		פעדער, איך האב די פענע

No tengo el lapiz, ni la pluma, tengo la regla

איך האב נישט דעם בלייפעדער און נישט די פענע, איך האב די לינייקע

איבונג.

¿ Tiene Vd. el tintero ? Si señor, tengo el tintero. ¿ Què tiene Vd. ? Tengo el bastón ¿ Tiene

Vd el bastón? No, señor, tengo la regla. ¿Tiene Vd el papel? Si, tengo el papel y el libro.

צי האט איר די פענע? יאָ, מיין הער, איך האב די פענע און דעם בלייפעדער. וועלכן שטאָק האט איר? צי האט איר פאפיר? ניין, מיין הער, איך האב נישט קיין פאפיר. וועלכן בוך האט איר? איך האב די לינייקע און דעם בלייפעדער.

Lección segunda צווייטע לעקציע

א) אלע אייגנשאפטס-ווערטער, פונקט ווי די זאכווערטער, וועלכע ענדיקן זיך אויף O זיינען מענלעכער מין (אחוץ אויסנאמען). ווען מיר פארבייטען דעם O אויף אן a איז שוין דאסזעלבע וואָרט ווייבלעכער מין. אין די ווערטער bueno גוט און malo שלעכט, ווען זיי שטייען פאר מענלעכע זאכווערטער, ווערט דער o ארויסגעווארפען. למשל: buen papel גוט פאפיר, נישט papel bueno

negra	ווייבלעכער מין	negro	נע׳גראָ	שוואַרץ
blanca	„	blanco	בלאַ׳נקאָ	ווייס
nueva	„	nuevo	נוע׳וואָ	נייַ
vieja	„	viejo	וויע׳כאָ	אלט
buena	„	bueno	בו׳ענאָ	גוט
mala	„	malo	מאַ׳לאָ	שלעכט
hermosa	„	hermoso	ערמאָ׳סאָ	שיין
fea	„	feo	פע׳אָ	מיאוס

El papel es negro — דאס פאפיר איז שוואַרץ
El buen libro — דאס גוט בוך
La regla es negra — די לינייקע איז שווארץ
La buena regla — די גוטע לינייקע
El mal papel — דאס שלעכטע פאפיר
El bastón es blanco — דער שטעקן איז ווייס

La pluma es blanca	די פּענע איז ווייס
El buen lápiz	דער גוטער בלייפעדער
¿ Es negra la pluma ?	צי איז די פּענע שוואַרץ ?
No, señor, es blanca	ניין, מיין הער, זי איז ווייס
¿ Tiene Usted el hermoso bastón ?	צי האט איר דעם שיינעם שטעקן?
¿ Tiene Usted el nuevo sombrero ?	צי האט איר די נייע הוט?
No, señor, tengo el sombrero viejo	ניין, מיין הער, איך האב די אַלטע הוט

ב) דאס וואָרט viejo אַלט קומט ס'רוב הינטערן זאַכוואָרט, אויב עס באַצייכנט נישט קיין פּערזאָן.

El pan	פּאַ'ן	ברויט
El azúcar	אַדסו'קאַר	צוקער
El café	קאַפּע'	קאַווע
El té	טע'	טיי
La manteca	מאַנטע'קאַ	פּוטער
El queso	קע'סאָ	קעז
La leche	לע'טשע	מילך
El vino	בּי'נאָ	ווייַן
Quiero	קיע'ראָ	איך וויל
Quiere	קיע'רע	ער, זי, עס וויל
Usted quiere	אוסטע קיערע	איר ווילט (העפלעכע פאָרם)
? No quiere Usted ?		צי ווילט איר נישט ?
Con	קאָן	מיט
Tambièn	טאַמביע'ן	אויך
O	אָ	אדער
Quiero buen pan		איך וויל גוטן ברויט
Quiero té con leche		איך וויל טיי מיט מילך
¿ Qué quiere Usted ?		וואָס ווילט איר ?
Quiero pan con manteca		איך וויל ברויט מיט פּוטער

¿ Quiere Usted también leche? — צי ווילט איר אויך מילך ?

No, Señor, quiero cafè — ניין, מיין הער, איך וויל קאַווע

ג) אזוי ווי מיר זעען, באנוצט מען נישט די פּערזענלעכע פּראָנאָמען פאר דעם צייטוואָרט, היות ווי די ענדע פון דעם צייטוואָרט דריקט עס שוין אויס. למשל, מען זאָגט נישט Yo tengo איך האב, נאר מען זאגט פשוט tengo מען זאגט נישט El tiene ער האט, נאר tiene. שפעטער וועלן מיר אָנווייזן ווען זיי ווערן יא געברויכט.

איבונג.

¿ Tiene Usted un buen libro? No, señor, no tengo. ¿ Qué baston tiene Usted? Tengo el baston negro. ¿ Tiene Usted la pluma o la regla? No tengo la regla, tengo la pluma ¿Qué quiere Usted? Quiero pan con manteca y queso. ¿ No quiere Usted leche? Quiero té con leche. ¿ Qué regla es mala? La regla negra es mala.

וועלכן בוך האט איר ? איך האב דעם ווייסן בוך. צי האט איר די גוטע פענע אדער די שלעכטע פענע ? איך האב דעם שיינעם בלייפעדער. איך האב א מיאוסע לינייקע. צי איז דאס בוך ווייס ? ניין, מיין הער, דאס בוך איז נישט ווייס, עס איז שוואַרץ. צי ווילט איר טיי מיט מילך אדער קאַווע ? איך וויל קאווע און ברויט מיט פוטער. צי ווילט איר טיי מיט צוקער ? ניין, מיין הער, איך וויל נישט קיין צוקער.

Leccion tercera דריטע לעקציע

El reloj	רעלאָ	דער זייגער
El zapato	דזאַפּאַטאָ	דער שוך
El cuchillo	קוטשילי'אָ	דער מעסער
El candelero	קאַנדעלע'ראָ	דער לייכטער
El oro	אָ'ראָ	דאס גאָלד
La plata	פּלאַ'טאַ	דאס זילבער
El hierro	איע'ררָאָ	דאס אייזן
El dinero	דינע'ראָ	דאס געלט
El cuero	קוּ'ערָאָ	דאס לעדער

א) אַ סך אייגנשאפטס-ווערטער, וואס דארפן באַציי- כענען אַ שטאָף, מוזן אין שפּאַנישן ווערן אויסגעדריקט דורך אַ זאַכוואָרט מיטן ווארט de; למשל אנשטאט צו זאָגן א גאָל- דענער זייגער, זאָגט מען א זייגער פון גאלד.

El reloj de oro	דער גאלדענער זייגער
La pluma de plata	די זילבערנע פּענע
El cuchillo de hierro	דער אייזענער מעסער
Tengo el candelero de oro	איך האב דעם גאלדענעם לייכטער
¿ Qué candelero tiene Usted ?	וועלכן לייכטער האט איר?
No tengo candelero	איך האָב נישט קיין לייכטער
¿ Tiene Usted dinero ?	צי האט איר געלט?
No tengo dinero	ניין, איך האב נישט קיין געלט

El caballo	קאַבאַ׳ליאָ	דאָס פערד
Un caballo	"	א פערד
El perro	פּע׳ררא	דער הונט
Un perro	"	א הונט
El gato	גא׳טאָ	די קאַץ
La casa	קאַ׳סא	די הויז
Le	לע	אים
pero	פּע׳רא	אבער, נאָר
comprar	קאָמפּרא׳ר	קויפן

¿ Tiene Usted el perro?	צי האט איר דעם הונט?
¿ Le tiene Usted?	צי האט איר אים?
Si, le tengo	יא, איך האב אים
¿ Quiere Usted comprar un caballo?	צי ווילט איר קויפן א פערד?
No tengo dinero	איך האב נישט קיין געלט
No quiero comprar un perro, sino un gato	איך וויל נישט קויפן קיין הונט, נאר א קאַץ
La casa es nueva	דאס הויז איז ניי

Alguno	אלגו׳נאָ	עמיצער
Algo	אלגאָ	עפּעס
Alguna cosa	אלגו׳נא קאָסא	
ninguno	נינגו׳נאָ	קיינער
nada	נא׳דא	גארנישט
ninguna cosa	נינגו׳נא קאָסא	

ב) ווען די ווערטער nada גארנישט, Ninguna cosa גארנישט א. ז. וו. שטייען נאכן צייטוואָרט, קומט דער פארניינונגס אַרטיקל no. שטייען אבער די ווערטער פאַרן צייטוואָרט ווערט דער no נישט באַנוצט.

¿ Tiene Usted algo? ¿ Tiene Vd. alguna cosa?	צי האט איר עפּעס?

Tengo algo	איך האב עפּעס
No tengo nada Nada tengo	איך האב גארנישט
No tengo ninguna cosa Ninguna cosa tengo	איך האב קיין זאך נישט
¿ Tiene Vd. algo bueno? ¿ Tiene Vd. alguna cosa buena ?	צי האט איר עפּעס גוטעס?
Nada bueno tengo No tengo nada bueno	איך האָב נישט קיין גוטעס
Tengo una cosa hermosa	איך האב א שיינע זאך

El hambre	אַ'מבּרע	הונגער
La sed	סעד	דורשט
El sueño	סועני'אָ	דער שלאָף
La vergüenza	װערגוענדסאַ	די חרפּה

Tengo hambre	איך בין הונגעריק
¿ Tiene Usted hambre?	צי זייט איר הונגעריק?
No tengo hambre, sino sed	איך בין נישט הונגעריק, נאר דורשטיק
¿ Tiene Usted sueño?	צי זייט איר שלעפּערדיק?
No tengo sueño, pero tengo vergüenza	איך בין נישט שלעפּערדיק, נאר איך שעם זיך

איבונג.

¿ Tiene Vd. el reloj de oro? No tengo el reloj de oro, pero tengo el reloj de plata. ¿ Qué cuchillo tiene Vd. ? Tengo el cuchillo de hierro. ¿ Qué quiere Vd. ? Quiero comprar un candelero de plata, pero no tengo dinero. ¿ Quiere Vd. comprar algo ? (alguna cosa ?) Quiero comprar un caballo. No quiero comprar ninguna cosa, no tengo dinero.

¿Qué tiene Vd.? Tengo hambre. No tengo hambre, sino sed.

צי ווילט איר קויפן וויין? ניין, איך האב נישט קיין געלט. דארפט איר עפּעס שיינס? איך וויל קויפן א שיינעם גאלדענעם לייכטער. וואס ווילט איר? איך וויל טיי מיט מילך. צי האט איר עפּעס? צי האט איר דעם גאלדענעם זייגער? ניין, מיין הער, איך האב אים נישט; איך האב גארנישט. איך האב שלעכטע קאווע. איך האב א מיאוסן הונט. צי זייט איר הונגעריק? איך האב נישט קיין הונגער און נישט קיין דורשט. (No tengo ni hambre ni sed) צי זייט איר שלעפערדיק? ניין, איך בין נישט שלעפערדיק.

Lección cuarta פערטע לעקציע

El hombre	א׳מברע	דער מענטש
El padre	פּא׳דרע	דער פאָטער
La madre	מא׳דרע	די מוטער
El hermano	ערמא׳נאָ	דער ברודער
La hermana	ערמא׳נא	די שוועסטער
El hijo	אי׳כאָ	דער זון
La hija	אי׳כא	די טאכטער
El sastre	סא׳סטרע	דער שניידער
El zapatero	דסאפּאטע׳ראָ	דער שוסטער
El panadero	פּאנאדע׳ראָ	דער בעקער
El vecino	װעדסי׳נא	דער שכן
Del	דעל	פון דעם

ג) אין שפאניש באדייט de פון. אז מען וויל זאָגן: „פון דעם” ווערט דאס ארטיקל El פאראייניקט מיט de און ס׳ווערט del; דאקעגן ביי ווייבלעכן מין, ווערט דער de נישט געענדערט און ס׳בלייבט de la.

El pan del panadero — דאס ברויט פונם בעקער
El libro de la hermana — דאס בוך פון דער שוועסטער
El vecino tiene un hijo — דער שכן האט א זון
La hermana del sastre — דעם שניידערס שוועסטער
El sombrero del hijo del vecino — די הוט פון דעם שכנס זון

Èl	על	ער	Yo	יאָ	איך
Su	סו	זיין	mi	מי	מיין

Su de Usted — אייער (העפלעכער פארם)

¿ Qué tiene Usted ? — וואס האט איר ?
Tengo mi bastón — איך האב מיין שטעקן
Mi hijo tiene su pan — מיין זון האט זיין ברויט
Mi padre tiene su sombrero de Vd. — מיין טאטע האט אייער הוט
El sombrero de Usted / Su sombrero de Vd. } אייער הוט

ב) כדי אפצושיידן די איינזילביקע ענלעכע ווערטער פונם צווייטן, ווי Èl דעם ארטיקל פון El ער, שטעלט זיך Èl „אים״ מיט אן אקצענט אויפן É.

Ese	עסע	Este	ע׳סטע	דער, דערדאזיקער
Esa	עסא	Esta	ע׳סטא	די, די דאזיקע

Aquel — אקע׳ל — יענער
Aquella — אקעליא׳ — יענע
Este caballo — דאסדאזיקע פערד
Esta pluma — דידאזיקע פענע
Aquel hombre — יענער מענטש
¿Tiene Vd aquella regla? — צי האט איר יענע לינייקע?

larga	לא׳רגא	ווייבל. מין	largo	לא׳רגאָ	לאנג
corta	קאָרטא	„	corto	קא׳רטאָ	קורץ
ancha	א׳נטשא	„	ancho	א׳נטשאָ	ברייט

estrecha	עסטרע׳טשאַ	ווייב. מין	estrecho	עסטרע׳טשאָ	שמאָל
grande		„	grande	גראַ׳נדע	גרויס
pequeña	פּעקוענ׳יאַ	„	pequeño	פּעקוענ׳יאָ	קליין

ג) אין די אייגנשאפטס ווערטער, וועלכע ענדיקן זיך מיט אן o ענדערט זיך ביי ווייבלעכען מין דער o, אויף אן a, די איבעריקע אייגנשאפטס ווערטער ענדערן זיך נישט. למשל: grande ענדיקט זיך מיט אן e און בלייבט ביים ווייבלעכן מין אויך grande.

El libro de este hombre es largo	דאס בוך פון דעם מענטשן איז גרויס
¿ Es pequeña, la casa ?	צי איז דאס הויז קליין ?
No es pequeña, es grande	עס איז נישט קליין, ס׳איז גרויס
El bastón del vecino es corto	דעם שכנס שטעקן איז קורץ
El libro negro de mi hermano es ancho	דאס שווארצע בוך פון מיין ברודער איז ברייט
Color	קאָלאָר — קאָליר
¿ De qué color ?	וואספאר קאָליר
¿ De qué color es el libro ?	פון וואספאר קאָליר איז דאס בוך?
Es blanco	עס איז ווייס

איבונג.

¿ Qué bastón tiene Usted ? Tengo el bastón de mi vecino. ¿ De qué color es su libro de Vd ? Es negro. Este libro es largo, pero aquel libro es corto. Mi hijo tiene la regla estrecha Aquella pluma es de oro. ¿ Què libro es ésto ? Es del vecino. ¿ Y aquel libro ? Es de mi hermano. Este caballo

es del panadero. El caballo del sastre es negro. ¿ Es negro el caballo del sastre ? No, señor, no es negro es blanco.

וואסער בוך האט איר? איך האב דעם שכנס בוך. צי האט איר אייער שטעקן, אדער (o) דעם פאטערס שטעקן? איך האָב נישט דעם פאטערס שטעקן, איך האָב דעם ברודערס. וועלכן פערד האט איר? איך האב דעם שניידערס פערד. צי האט איר דעם שיינעם גאלדענעם זייגער פון מיין ברודער? ניין, איך האָב אים נישט. ציווילט איר קויפן א הויז? ניין, איך האב נישט קיין געלט. פון וועלכן קאָליר איז דאס דאזיקע בוך? מיין ברודער האט א גרויסן שטעקן. מיין שכנס הונט איז קליין. מיין שוועסטערס שמאָלע ליניַיקע איז שווארץ.

Lección quinta פינפטע לעקציע

El negociante	נעגאָדס־יאַ׳נטע	דער סוחר
El comerciante	קאָמערדסיאַ׳נטע	דער סוחר, דער קרעמער
El dependiente	דעפענדיע׳נטע	דער אָנגעשטעלטער
El zapatero	דסאַפּאַטע׳ראָ	דער שוסטער
El muchacho	מוטשאַ׳טשאָ	דאָס יינגל
La muchacha	מוטשאַ׳טשא	דאָס מיידל
De quièn	פון וועמען	
Quién	קיען	ווער
Cuàl		וועלכער, וואָסערער, ווי
ni — ni	ני	נישט – און נישט
¿ Quièn tiene el libro?		ווער האט דאס בוך?
La muchacha tiene el libro		דאָס מיידל האט דאס בוך
¿ Tiene el muchacho mi bastón, o el de mi hermano?		צי האט דער יינגל מיין שטעקן אדער מיין ברודערס שטעקן?

No tiene ni este ni aquel	ער האָט נישט דעם און נישט יענעם
¿ De quién es esta regla ?	וועמענס איז דידאזיקע לינייקע ?
Es de mi hijo	ס'איז מיין זונס
¿ Cuàl es mi libro ?	וועלכעס בוך איז מיינס ?
El libro negro	דאָס שוואַרצע בוך

El calor	קאַלאָר	וואַרימקייט
El frìo	פריאָ	קעלט
El miedo	מיעדאָ	שרעק
La razón	ראַדסאָן	רעכט
La culpa	קולפא'	אונרעכט, שולד
Sino	סינאָ	נאר, אָבער

¿ Tiene Vd. miedo ?	צי האט איר שרעק ?
No tengo miedo, tengo frío	ניין, איך האָב נישט קיין שרעק, ס'איז מיר קאַלט
¿ Tiene Vd. frío. ó calor?	צי איז אייך קאַלט אדער וואַרעם ?
No tengo ni frìo ni calor, tengo miedo	מיר איז נישט קאַלט און נישט וואַרעם, איך האָב שרעק
¿ Tiene Vd. razón ó culpa ?	צי האט איר רעכט אדער אונרעכט ?
¿ Quién tiene razón el hombre ó mi hermano?	ווער האט רעכט, דער מענטש אדער מיין ברודער ?
El hombre no tiene razón, sino mi hermano	דער מאַן האט נישט רעכט, נאר מיין ברודער

El vestido	וועסטידאָ	דער ראָק, דאס קלייד
El chaleco	טשאלעקאָ	די וועסט
El amigo	אַמיגאָ	דער פריינט

El español עספּאַניאָל דער שפּאַניער
El francés פראַנדסעס דער פראַנצויז
El ruso רוּסאָ דער רוסישער

¿De quién es este chaleco? — וועמענס איז די דאזיקע וועסט?

El del francès — זי איז דעם שפּאַניערס

El de mi amigo — זי איז מיין פריינטס

¿Este vestido es del francés o del español? — דער ראָק געהערט צום פראַנצויז אדער צום שפּאַניער?

No es ni del francés ni del español, es del ruso — ס'איז נישט דעם פראַנצויז'ס און נישט דעם שפּאַניערס, ס'געהערט צום רוס

Uno אוּנאָ Dos דאָס tres טרעס cuatro קואַטראָ
1 2 3 4

cinco דסינקאָ seis סע'איס siete סיע'טע
5 6 7

ocho אָטשאָ Nueve נועווע Diez דיע'דס
8 9 10

איבונג.

¿Quién tiene dinero? El negociante tiene dinero. ¿Cuàl es el caballo de mi hermano? ¿Tiene Vd. miedo de este hombre? No, señor, no tengo miedo. La muchacha tiene hambre. El dependiente no tiene razón? Tengo yo razón ó culpa? ¿De quién es este libro? Es del ruso. ¿Cuál es el libro de mi hijo? El libro blanco. Tengo dos caballos y tres perros. El muchacho no tiene zapatos. ¿Tiene Vd. hambre o sed? No tengo ni hambre ni sed, tengo frio

ווער האט רעכט, דאָס ייִנגל אדער דאָס מיידל? דאָס ייִנגל איז גערעכט און דאָס מיידל האָט אונרעכט. וואָס וויל דער פראַנצויז? ער וויל טיי מיט מילך. צי איז דער רוס הונגעריק? ניין, ער איז נישט הונגעריק, ס'איז אים קאַלט. וועלכעס בוך איז דעם סוחרס? דער שוסטער האָט שיינע קאַמאַשן. ווו איז מיין ווערסט? מיין פריינט האט זי. צי האָט איר עפּעס גוטעס אָדער שלעכטס? וואס האָב איך? איר האָט גאָרנישט. צי בין איך גערעכט אָדער ניין? איר האָט אונרעכט. דער סוחר האָט אַן אָנגעשטעלטן. וואָסער מעסער האט איר? איך האָב דעם שוסטערס מעסער. דערדאָזיקער מענטש האָט מיין מעסער און יענער מענטש האט אייער בלייפעדער.

Lección sexta זעקסטע לעקציע

El cuarto	קואַ'רטאָ	דאָס צימער
El suelo	סוע'לאָ	די פּאָדלאָגע
El techo	טע'טשאָ	דער סופיט
La pared	פּארע'ד	די וואַנט
La ventana	ווענטאַ'נאַ	דאָס פענצטער
La puerta	פּוע'רטאַ	די טיר
La mesa	מע'סאַ	דער טיש
La silla	סי'ליאַ	דער שטול
rojo-a	ראָ'כאָ	רויט
verde	ווע'רדע	גרין
azul	אַדסו'ל	בלוי
pardo	פּאַ'רדאָ	גרוי

¿De què color es la silla? פון וואָסער קאָליר איז דער שטול?

La pequeña silla es parda דער קליינער שטול איז גרוי

El libro rojo es grande	דאָס רויטע בוך איז גרויס
¿Es verde la ventana?	צי איז דער פענצטער גרין?
La ventana no es verde, sino blanca	דער פענצטער איז נישט גרין נאָר ווייס
¿Es ancha o estrecha la puerta parda?	די גרויע טיר איז ברייט אָדער שמאָל?
No es ni ancha ni estrecha, es larga	זי איז נישט ברייט און נישט שמאָל, זי איז לאַנג

Ser	סער	זיין
Yo soy	יאָ סאָי	איך בין
es	עס	ער, זי, עס איז
Usted es		איר זייט (העפלעכע פאָרם)

Yo soy el señor N	איך בין דער הער N
El sastre es el señor Y	דער שניידער איז הער Y
Usted es la señorita Z	איר זייט פריילין Z
¿Quién es esta señorita?	ווער איז דידאָזיקע פריילין?
¿Es Vd. el señor Z?	צי זייט איר הער Z?
No soy el Sr. Z sino el Sr. Y	איך בין נישט הער Z, נאָר הער Y
¿Es esta señora la Sra. B?	צי איז די פרוי פרוי B!
Si, señor, ella es	יאָ הער זי איז עס
No, señor, (ella) no es	ניין, הער, זי איז עס נישט

Estar	עסטאַ'ר	זיין
Yo estoy	יאָ עסטאָ'י	איך בין
El, ella, lo está	עסטאַ'	ער, זי, עס איז
Usted está		איר זייט (העפלעכע פאָרם)

א) אזוי ווי מיר זעען האָט דער שפּאַניער פאַר דעם צייטוואָרט „זיין" צוויי צייטווערטער Ser און Estar. דאָס

ביישטוואָרטס ser ווערט באַנוצט אויף אַלץ וואָס איז דויערהאַפט, וואָס בלייבט, וואָס באַצייכנט דאָס וועזנטלעכע פון א זאַך; דאַקעגן estar ווערט באַנוצט דעמאָלט, ווען מיר ווילן אויס-דריקן א פאריבערגייענדיקן צושטאַנד. וועגן ser האָבן מיר שוין געבראַכט ביישפּילן; איצט וועלן מיר געבן ביישפּילן וועגן estar.

Encima de	ענסימאַ דע	אויף
Sobre	סאָ'ברע	
Debajo de	דעבאַ'כאָ דע	אונטן
Delante de	דעלאַ'נטע דע	פאָרויס, פאַר
detrás de	דעטראַ'ס דע	הינטער
entre	ע'נטרע	צווישן
Dentro de	דע'נטראָ דע	אינעווייניק
fuera de	פוע'רא דע	אויסנווייניק
En	ען	אין

El libro está sobre la mesa El libro está encima de la mesa	דאָס בוך איז (ליגט) אויפן טיש
La pluma está debajo de la silla	די פּענע איז אונטערן שטול
Yo estoy en el cuarto	איך בין אין צימער
Yo estoy delante de la puerta	איך בין פאַר דער טיר
El está detrás de la ventana	ער איז הינטערן פענצטער
Usted está dentro del cuarto	איר זייט אין צימער
El señor X està entre la silla y la mesa	דער הער X איז צווישן שטול און צווישן דעם טיש
¿ Dónde està la mesa ?	וווּ איז דער טיש ?

La mesa está entre Usted y yo	דער טיש איז צווישן אייך און מיר
¿ Está la silla detràs de mi?	צי איז דער שטול הינטער מיר ?
La silla no está detrás de mi sino delante de mi	דער שטול איז נישט הינטער מיך, נאָר פאַר מיר
Yo estoy entre la pared y la mesa	איך בין צווישן דער וואַנט און דעם טיש
Yo estoy fuera del cuarto	איך בין אויסערהאַלב דעם צימער

איבונג.

¿ Dónde está el libro ? El libro está sobre la ventana. La regla roja está debajo de la silla. ¿Quién soy yo ? Yo soy un amigo del señor V. ¿ Dónde estoy yo ? Estoy entre la silla y la pared. Mi hermano está delante de la mesa. Yo estoy dentro del cuarto, pero mi hermano està fuera. ¿ Donde está el libro azul ? ¿ Està el libro rojo sobre la mesa ? El libro rojo no està sobre la mesa sino debajo de la silla.

איך שטיי (estoy) פאַר דעם טיש. מיין ברודער שטייט הינטערן שטול. דער שטול איז רויט און די וואַנט איז ווייס. איר זייט אין צימער און איך בין אויסערן צימער. דאָס בוך ליגט (איז) אויפן טיש און די לינייקע ליגט אונטערן טיש. ווו זייט איר? איך שטיי פאַר דער טיר. ווו איז (està) אייער שוועסטער? זי איז הינטערן שטול. ווו זייט איר? איך בין צווישן דער וואַנט און דעם טיש. צי איז דער בלייפעדער אויפן טיש? ניין, ער איז נישט אויפן טיש. ווער איז דער דאָזיקער מאַן? ער איז דער הער X. ווער האָט מייך ניי-

עם בוך? איך האָב נישט אייער נעם בוך, נאָר דעם אַלטן, מיין רויטער בלייפעדער איז אויפן שטול.

Lección séptima זיבעטע לעקציע

די	לאָס Los	(מערצאָל, מענלעכער מין)
די	לאַס Las	מערצאָל, ווייבלעכער מין)
פון די	De los, de las	

א) אַלע זאַכווערטער און אייגנשאַפטס-ווערטער, וועלכע ענדיקן זיך מיט אַ אומבבעטאָנטן וואָקאַל אדער מיט אַ בעטאָנטן l, נעמען צו אין מערצאָל א S: hombre bueno buenos; .hombres

די אלע ווערטער, וואָס ענדיקן זיך מיט אַ קאָנסאָנאַנט, אָדער מיט אַ בעטאָנטן וואָקאַל (אַחוץ l) נעמען צו אין מער-צאָל es: pared paredes; azul azules.

אַלע ווערטער, וואָס ענדיקן זיך אויף z ווערם דער z אין מערצאָל פאַרענדערט אויף c: lápiz, lapices pez פיש peces.

דער ווערטער, וועלכע ענדיקן זיך אויף s און די טראָפ פאַלט אויף דער לעצטער זילבע, ווערן זיי אין מערצאָל נישט פאַרענדערט el paraguas, los paraguas דער שירם.

די ווערטער Malo, Bueno בילדן זייער מערצאָל פון דער פולער פאָרם.

דאָס גוטע בוך	El buen libro
די גוטע ביכער	Los buenos libros

דער	Ese, este	די (מערצאָל)	Esos, estos
די	esa, esta	די	esas, estas
יענער	aquel	יענע	aquellos
יענע	aquella	יענע	aquellas
װיפל	cuanto	וויפל	cuantos

cuanta	(ווייב. מין) װיפל	cuantas	(מערצאָל)
cuál	װעלכער	cuáles	װעלכע
quién	װער		פאַרביידע מינים
están, son	זיינען	quiénes	װער
			פאַר ביידע מינים

El buen bastón	דער גוטער שטעקן
Los buenos bastones	די גוטע שטעקנס
Estos libros son blancos, pero aquellos son negros	די ביכער זיינען װייס אָבער יענע זיינען שוואַרץ
Los lápices negros son largos	די שוואַרצע בלייפעדערס זיינען לאַנג
¿ Cuántos amigos tiene Usted ?	װיפל פריינט האָט איר ?
Tengo cinco amigos	איך האָב פינף פריינט
¿ Cuál es mi sombrero?	װעלכער הוט איז מיינער ?
¿ Cuáles son mis sombreros ?	װעלכע הוטן זיינען מיינע ?
¿ Quién es este señor ?	װער איז דער הער ?
¿ Quiénes son estas señoras ?	װער זיינען די פרויען ?

mis	מיס	מיינע	mi	מיין
tus	טוס	דיינע	tu	דיין
sus	סוס	זיינע	su	זיין

sus de Usted, su de Usted — אייערע (תּמפּלעכע פּארם)

aqui	אקי'	דאָ
alli	אלי'	דאָרט

Aqui están mis libros y alli los de mi hermano	דאָ זיינען מיינע ביכער און דאָרט זיינען מיין ברודערס
¿ Dónde están sus lápices ?	װוּ זיינען אייערע בלייפעדערס ?

aqui están דאָ זיינען זיי

אָנדסע Once דאָ'דסע doce טרע'דסע trece

11 12 13

קאַטאָ'רדסע catorce קי'נדסע quince Diez y seis diez y siete

14 15 16 17

díez y ocho, diez y nueve, ווײנטע veinte

18 19 20

Un libro, dos libros איין בוך, צוויי ביכער א.ז.וו.

Una regla, dos reglas איין ליניייקע, צוויי ליניייקעס א.ז.וו.

Dos y dos son cuatro 2+2=4 צוויי און צוויי איז 4;

Dos por dos son cuatro 2×2=4 צוויי מאָל צוויי איז 4;

¿ Cuántos son 2×2? וויפל איז 2×2 ?

el pié	פיעי	די פוס
la mano	מאַ'נאָ	די האַנט
derecho-a	דערע'טשא	רעכט
izquierdo-a	איזסקיע'רדא	לינק
hay	איי	ס'איז דאָ, ס'זיינען דאָ

Este es el pié derecho — דאָס איז די רעכטע פוס

Esta es la mano izquierda — דאָס איז די לינקע האַנט

Tengo dos manos y dos piés — איך האָב צוויי הענט און צוויי פיס

ב) דאָס וואָרט la mano איז אַן אויסנאַם. ס'ענדיקט זיך אויף אַן o און דאָך איז דאָס וואָרט ווייבלעכער מין.

¿ Cuántos libros hay sobre la mesa ? — וויפל ביכער זיינען דאָ אויפן טיש ?

איבונג.

Tengo tres libros. ¿ Cuantos libros tiene tu hermano ? Tiene diez libros. Estos libros son rojos.

pero aquellos son negros. ¿ Cuántos hombres estàn en el cuarto ? ¿ Dónde estàn los hombres ? Mi hermano tiene dos lápices y cinco plumas ¿ Cuàntas plumas tiene su hijo ? Tiene algunas. ¿ Qué tiene Vd. en la mano ? Tengo en la mano derecha dos làpices ¿ Cuántos son dós y cinco ? ¿ Son siete o nueve ? No, señor, son śiete.

וועמענס זיינען דידאָזיקע ביכער? זיי זיינען מיין קליינעם ברודערס. וויפל ביכער זיינען אויפן טיש? זיבן ביכער. ווער זיינען דידאזיקע הערן, וואָס זיינען דאָ? דידאָזיקע שטעקנס זיינען געל און יענע שטעקנס זיינען ווייס. דידאָזיקע שטולן זיינען ווייס און יענע שטולן זיינען שוואַרץ. וויפל איז 4 און 4? איך בין דאָ און איר זייט דאָרט. ווו זיינען זיינע ביכער? זיי זיינען אויפן טיש. איך האָב מיינע בלייפעדערס און איר האָט אייערע פענעס? אין מיין רעכטער האַנט האָב איך אַ בוך און אין מיין לינקער אַ בלייפעדער. וויפל מענטשן זיינען (hay) אין צימער? אין צימער זיינען דאָ דריי הערן און צוויי פרויען. וויפל פערזאָנען (personas) זיינען אין יענעם צימער? אין יענעם צימער זיינען דאָ פופצן פערזאָן. די שוואַרצע בלייפעדערס זיינען נישט קליין, זיי זיינען גרויס. וואָס האָט אייער שכן? מיין שכן האָט פינף פערד, צוויי הינט און איין קאַץ.

Lección octava אכטע לעקציע

El jardin	כארדי'ן	דער גאָרטן
El árbol	א'רבאָל	דער בוים
El bosque	באָ'סקע	דער וואַלד
La flor	פלאָ'ר	די בלום
El navio	נאַוי'אָ	
El buque	בו'קע	די שיף
El barco	ב'ארקאָ	
El marinero	מארינע'רא	דער מאַטראָס
El extranjero	עסטראַנכע'רא	דער פרעמדער, אויסלענדער

Yo	tú	él	ella	nosotros	vosotros	ellos	ellas
יא	טו	על	ע'ליא	נאָסאָ'טראָס	וואָסאָ'טראָס	ע'ליאָס	ע'ליאָס
איך	דו	ער	די	מיר	איר	זיי	זיי (ווייב. מין)

א) אזוי ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאנט, ווערן די פערזענלעכע פּאָרווערטער ארויסגעלאָזט ביים בייגן די צייטווערטער. אָבער ביים לערנען ברענגען מיר די צייטווערטער צוזאמען מיט די פערזענלעכע פּאָרווערטער.

Tener	טענע'ר	האבן
Yo tengo	טע'נגא	איך האָב
Tù tienes	טיע'נעס	דו האָסט
Él tiene	טיע'נע	ער האָט
Ella tiene	טיע'נע	זי האָט

Usted tiene	טיע׳נע	איר האָט (העפלעכע פארם)
Nosotros tenemos	טענע׳מאָס	מיר האָבן
Vosotros teneis	טענע׳איס	איר האָט
Ellos tienen	טיע׳נען	זיי האָבן
Ellas tienen	טיע׳נען	זיי האָבן (מערצאל)
Ustedes tienen	טיע׳נען	זיי האבן (מערצאָל ווייב. מין)

Yo no tengo	איך האָב נישט
Tu no tienes	דו האָסט נישט
Él, ella, Vd. no tiene	ער, זי, איר האט נישט א.ז.וו.
¿ No tengo yo?	צי האב איך נישט?
¿ No tienes tu?	צי האסטו נישט? א.ז.וו.

ב) אזוי ווי מיר זעען האָט Vd. און Él, ella, בײ-
אלע צייטווערטער די זעלבע בייגונג; Ustedes און Ellas
Ellos האָבן אויך תמיד די זעלבע בייגונג.

Estar	עסטאָ׳ר	זיין
Yo estoy	עסטאָ׳י	איך בין
Tu estás	עסטאָ׳ס	דו ביסט
El, ella está	עסטאָ׳	ער, זי איז
Usted está	עסטאָ׳	איר זייט (העפל. פארם)
Nosotros estamos	עסטאָ׳מאָס	מיר זיינען
Vosotros estáis	עסטאָ׳יס	איר זייט
Ellos, ellas están	עסטאָ׳ן	זיי זיינען
Ustedes están	עסטאָ׳ן	זיי זיינען (העפל. פארם)

Yo no estoy	איך בין נישטא
Tu no estás	דו ביסט נישטא א.ז.וו.
¿ No está él ?	צי איז ער נישטא ?,
¿ No estamos nosotros?	צי זיינען מיר נישטא א.ז.וו.
¿ Qué tenemos?	וואס האָבן מיר?
Tenemos tres libros	מיר האָבן דריי ביכער

¿ Dónde están sus hijos de Vd.	ווּ זיינען אייערע זין ?
Están en el cuarto	זיי זיינען אין צימער
Mi hermano está en el jardin	מיין ברודער איז אין גאָרטן
¿ Qué tienen mis amigos ?	וואָס האָבן (איז) מיינע פריינט ?
Tienen frio	ס׳איז (זיי האָבן) זיי קאַלט
¿ Quién està en el bosque?	ווער איז אין וואלד ?
¿ No estàn sus hijos en el jardin ?	צי זיינען אייערע זין נישט אין וואלד ?

Querer	קערע׳ר	וועלן
Yo quiero	קיע׳רא	איך וויל
Tù quieres	קיע׳רעס	דוּ ווילסט
El, ella quiere	קיע׳רע	ער, זי וויל
Usted quiere	קיע׳רע	איר ווילט (העפל. פארם)
Nosotros queremos	קערע׳מאס	מיר ווילן
Vosotros quereis	קערע׳איס	איר ווילט
Ellos-as quieren	קיע׳רען	זיי ווילן
Ustedes quieren	קיע׳רען	זיי ווילן (העפל. פארם)
Yo no quiero		איך וויל נישט
¿No quiere Vd.?		צי ווילט איר נישט א.ז.וו.
Beber	בעוועי׳ר	טרינקען
Comer	קאמע׳ר	עסן
Ir	איר	גיין
Venir	וועניר	קומען

¿ Quiere Vd. comer algo ? — צי ווילט איר עפּעס עסן ?

No quiero comer, sino beber — איך וויל נישט עסן, נאר טרינקען

¿ Qué quieren sus hijos de Vd. ?	וואָס ווילן אייערע זין?
Quieren ir al jardin	זיי ווילן גיין אין גאָרטן
Quiero ir á casa	איך וויל גיין אהיים
Quiero ir á casa de mi amigo	איך וויל גיין צו מיין פריינט (אין הויז)

ג) אין שטוב – זאָגט מען en casa; גיין אין שטוב,
זאָגט מען á la casa. ביי מענלצכן מין ווערט דער á צו-
נויפגעגאָסן מיטן אַרטיקל el און מען זאָגט al; למשל: גיין
אין גאָרטן – זאָגט מען נישט Ir á el jardin נאָר ir al
jardin.

איבונג.

Queremos ir al bosque. ¿Quiere Vd. ir al jardin? No quiero ir al bosque, pero quiero ir à la casa.¿ Adónde quieren ir sus hijos de Vd. ? Mis hijos quieren ir à la casa. ¿ Dónde está Vd.? Estoy delante de Vd. Nosotros tenemos tres flores del jardin del vecino. Los marineros tienen hambre, quieren comer y beber algo. ¿ Qué tienen los extranjeros ? Los extranjeros tienen sed, quieren beber té con leche. ¿ Son grandes los árboles de su jardin de Vd. ó pequeños ? ¿ Adónde quieres ir ? ¿ Quiero ir à la casa (á casa אָדער) de mi hermana. Mi hermano està en el jardin debajo de un árbol. Los extranjeros vienen aqui.

וווּהין ווילט איר גיין? איך וויל גיין אין אייער גאָרטן.
צי ווילט איר עסן? וואָס ווילסטו, עסן אָדער טרינקען? איך
וויל נישט עסן און נישט טרינקען, איך וויל גיין אין וואַלד.
ווער איז אין צימער? דער זון פון מיין שכן איז אין צי-
מער. איך וויל גיין אין וואַלד. וואָס האָסטו? איך האָב פינף

בלומען. די מאַטראָסן ווילן דאָ קומען. מיר ווילן עסן. וואָס ווילן די דאָזיקע (estos) מענטשן? זיי ווילן גאָרנישט. מיר ווילן ברויט מיט פוטער. דער זון פון אונזער שכן איז אין וואלד. דעם שניידערס טאָכטער איז ביי אונז (אין שטוב). ווו זיינען אונזערע פערד? אונזערע פערד זיינען אין וואלד. מיר זיינען הונגעריק (tenemos). צי האָבן די אויסלענדער געלט? וואָס האָבן די אויסלענדער? די אויסלענדער האבן פינף שיפן.

Lección novena נײַנטע לעקציע

מענלעך	ווייבלעך	זאכלעך	
El דער	la די	lo דאָס	איינצאָל:
los די	las די		מערצאָל:
Él ער	ella זי	ello עס	איינצאָל:
ellos זיי	ellas זיי		מערצאָל:
Ese אָט דער	esa אָט די	eso אָט עס	איינצאָל:
esos אָט די	esas אָט די		מערצאָל:
Este דערדאָזיקער	esta דידאזיקע	esto דאָסדאָזיקע	איינצאָל:
estos דידאָזיקע	estas דידאזיקע		מערצאָל:
Aquel יענער אקע'ל	aquella יענע אקע'ליא	aquello יענע אקע'ליאָ	איינצאָל:
aquellos יענע אקע'ליאס	aquellas יענע אקע'ליאָס		מערצאָל:

Estos libros ó aquellos	דידאזיקע ביכער אדער יענע
Estas reglas ó aquellas	דידאזיקע לינייקעס אדער יענע
¿ Tengo yo estos libros ó aquellos ?	צי האָב איך די ביכער אדער יענע?

¿ Qué caballos tiene Vd.?	וואָספּערע פּערד האט איר?
Tengo los hermosos caballos	איך האָב די שיינע פּערד
Los árboles del jardin	די ביימער פון גאָרטען
Los árboles de los jardines	די ביימער פון די גערטנער
Cuál	וועלכער
Cuáles	וועלכע
¿ Cuàles libros tienes ?	וועלכע ביכער האָסטו?
¿ Cuàles son los perros de mi vecino?	וועלכע הינט זיינען מיין שכנס?

פּאָזעסיווע פּראָנעמען

איינצאל		מערצאל		
Mi	מי	mis	מיס	מיין, מיינע
Tu	טו	tus	טוס	דיין, דיינע
Su	סו	sus	סוס	זיין, זיינע
Su-de Vd.		sus-de Vd.		אייער, אייערע (העפל. פאָרם)
Nuestro נוע׳סטראָ		nuestros נוע׳סטראָס		אונזער, אונזערע (מענ. מין)
Nuestra נוע׳סטראַ		nuestras נוע׳סטראַס		אונזער, אונזערע (ווייב. מין)
Vuestro ווע׳סטראָ		vuestros ווע׳סטראָס		אייער, אייערע
Vuestra ווע׳סטראַ		vuestras ווע׳סטראַס		אייער, אייערע
Su	סו	sus	סוס	איר, אירע
Su-de Vds.		Sus-de Vds.		אייער אייערע (העפל. פאָרם)

Mis libros son pequeños	מיינע ביכער זיינען קליין
¿Dónde estan tus perros?	ווו זיינען דיינע הינט?

Su hijo está en nuestro jardin	זיין זון איז אין מיין גאָרטן
Nuestros jardines son grandes	אונזערע גערטנער זיינען גרויס
Nuestras casas son pequeñas	אונזערע הייזער זיינען קליין
Vuestros hijos son buenos	אייערע זין זיינען גוט
Vuestras ventanas son estrechas	אייערע פענצטער זיינען שמאָל
¿Dónde están sus hijos de Vd.?	ווו זיינען אייערע זין ?
Mis hijos estàn en vuestra casa	זיינע זין זיינען אין אייער שטוב
¿Tiene su hermano de Vd. los relojes de oro ?	צי האט אייער ברודער די גאָלדענע זייגערס?

די אלייִנשטייִענדיקע פאזעסיווע פארנעמען.

El mio	מי׳אָ	מיינס, דאָס מייניקע
Los mios	מי׳אָס	מיינע, די מייניקע
El tuyo	טו׳יאָ	דיינס, דאָס דייניקע
Los tuyos	טו׳אָס	דיינע, די דייניקע
El de Vd.		אייערס, דאָס אייעריקע (העפלעכע פארם)
Los de Vd.		אייערע, די אייעריקע (העפלעכע פאָרם)
El suyo	סו׳יאָ	זיינס, דאָס זייניקע
Los suyos	סו׳יאָס	זיינע, די זייניקע
El nuestro	נוע׳סטראָ	אונזער, דאָס אונזעריקע
Los nuestros	נוע׳סטראָס	אונזערע, די אונזעריקע
El vuestro	ווע׳סטראָ	אייער, דאס אייריקע
Los vuestros	ווע׳סטראָס	אייערע, די אייערע

¿ Tienes mi libro ?	צי האָסטו מיין בוך?
No, tengo el mio	ניין, איך האָב דאס מייניקע
¿ Qué lapices tiene su hermano ?	וואָסערע בלייפעדערס האָט זיין ברודער?
Tiene los suyos	ער האָט די זייניקע
¿ Tienes los tuyos ó los mios ?	צי האָסטו דיינע אָדער מיינע
Tengo los de Vd.	איך האב אייערע
¿ Tienen Ustedes mis lápices ?	צי האָט איר מיינע בליי- פעדערס?
No, tenemos los nuestros	מיר האָבן די אונזעריקע
¿ Tiene Vd. estos libros ó aquellos?	צי האָט איר די ביכער אָדער יענע?
No tengo ni estos ni aquellos	איך האָב נישט די און נישט יענע
Tengo èstos pero no tengo aquellos	איך האב דידאזיקע, אָבער נישט יענע
¿ Tiene Vd. mis flores?	צי האָט איר מיינע בלומען?
No tengo ni las de Vd. ni las mios, tengo las de mi vecino	איך האב נישט אייערע און נישט מיינע, איך האָב מיין שכנס

La chaqueta	טשאַקעיטאַ	די מאַרינאַרקע
El chaleco	טשאַלעיקאַ	די וועסט
El pantalón	פּאַנטאַלאין	די הויזן
El guante	גואַינטע	די הענטשקע
El espejo	עספּעיכאַ	דער שפיגל

¿ No tienes mis guantes ?	צי האָסטו נישט מיינע הענטשקעס
Tengo los mios	איך האָב מיינע
¿ Tiene Vd. el hermoso espejo ?	צי האָט איר דעם שיינעם שפיגל?

de nuestro buen amigo ?	פון אונזער גוטן פריינט?
No, tengo el de mi hermano	ניין, איך האָב מיין ברודערס
No tengo el espejo de él No tengo su espejo	איך האָב נישט זיין שפּיגל

איבונג.

¿ Qué tiene el comerciante? Tiene nuestro perro. ¿ Tiene Vd. mís relojes de oro ó los de plata? No tengo sus relojes de oro ni de plata. Quién tiene nuestros chalecos? El sastre tiene sus chalecos de Vd. ¿ Qué cuchillos tiene Vd.? Tengo los mìos. ¿ Tiene Vd. sus zapatos ó los de su padre? No tengo ni éstos ni aquellos.

וואס וויל אונזער שכנס זון? (דער זון פון אונזער שכן) ער וויל גיין אין אונזער גאָרטן. צי ווילט איר די קאָמאַשן אדער יענע? איך וויל נישט די און נישט יענע, איך וויל נייע קאָמאַשן. וועלכע ביכער האט דיין ברודער? ער האט די אונזעריקע. ווו זיינען די מאַטראָסן? זיי זיינען אויף די שיפן. צי האָט ער אונזערע ביכער? ער האט נישט אונזערע, נאר די פון אונזער גוטן פריינט. ווו זיינען מיינע שיינע מעסערס? זיי זיינען אויף מיין פענצטער. צי האָט איר זיין גאָלדענעם זייגער אדער זיין זילבערנעם זייגער? איך האָב נישט זיין גאָלדענעם זייגער און נישט זיין זילבערנעם זייגער, איך האָב זיין שפּיגל! וועלכע ווערסט האסטו? איך האָב דאָס מייניקע.

Lección dècima צענטע לעקציע

Tomar	טאָמאַ׳ר	נעמען
Yo tomo	טאָ׳מאָ	איך נעם
El, ella toma	טאָ׳מאַ	ער, זי נעמט
Vd. toma		איר נעמט (העפל. פאָרם)
Yo no tomo		איך נעם נישט
El, ella no toma		ער, זי נעמט נישט
Vd. no toma		איר נעמט נישט
¿ Tomo yo ?		צי נעם איך?
¿ Toma él, ella?		צי נעמט ער, זי?
¿ Toma Vd. ?		צי נעמט איר? (העפ. פארם)
Poner	פּאָנע׳ר	אַוועקלייגן
Yo pongo	פּאָ׳נגאָ	איך לייג אַוועק
El, ella pone	פּאָ׳נע	ער, זי לייגט אַוועק
Vd. pone		איר לייגט אַוועק
Yo no pongo		איך לייג נישט אוועק אזוו.
¿ Pongo yo ?		צי לייג איך אוועק? אזוו.
Llevar	ליעוו׳אר	טראָגן
Yo llevo	ליע׳וואָ	איך טראָג
El, ella lleva	ליע׳ווא	ער, זי טראָגט
Vd. lleva		איר טראָגט אזוו.
Traer	טראַע׳ר	ברענגען
Yo traigo	טראַ׳יגאָ	איך ברענג
El, ella trae	טראַ ע	ער, זי ברענגט
Vd. trae	טראַ׳ע	איר ברענגט אזוו.

Hacer	אַדסע'ר	טאָן
Yo hago	אַ'גאָ	איך טו
El, ella hace	אַ'דסע	ער, זי טוט
Vd. hace	אַ'דסע	איר טוט א.ז.וו.
¿ Qué hace Vd.?		וואָס טוט איר ?
Yo tomo el libro		איך נעם דאָס בוך
¿ Qué hace tu hijo?		וואָס טוט דיין זון?
El trae el libro sobre la mesa		ער לעגט אַוועק דאָס בוך אויפן טיש
¿ Qué trae el hombre?		וואָס טראָגט דער מענטש ?
El trae cinco libros		ער ברענגט פינף ביכער
¿ Toma Vd. un libro?		צי נעמט איר א בוך?
No tomo un libro sino un lápiz		איך נעם נישט קיין בוך נאָר א בלייפעדער

El vaso	ואַ'סאָ	די גלאָז
La copa	קאָ'פּאַ	דאָס טעפּל
Un vaso de vino		א גלאָז וויין
Una copa de café		א טעפּל קאַווע

א) Un vaso de vino הייסט אין שפּאַניש א גלאָז
ווייַן. דער אמתער טייטש פון די ווערטער איז אַ גלאָז פון
ווייַן. Una copa de leche הייסט א טעפּל מילך א. ז. וו.

ב) tomar הייסט נעמען. אָבער ביי געטראַנקען ווערט
דאָס וואָרט אין שפּאַניש באַנוצט אנשטאָט beber טרינקען.

Poco	פּאָ'קאָ	ווייניק
Un poco		א ביסל
Mucho	מו'טשאָ	אַ סך
Muchos	מוטשאָס	אַ סך (מערצאָל)
Sólo	סאָ'לאָ	בלויז, נאָר
Solamente	סאָ'לאַמענטע	

¿Qué quiere Vd. tomar?		וואָס ווילט איר טרינקען ?
Quiero tomar un vaso de leche		איך וויל טרינקען א גלאָז מילך
¿Tiene Vd. mucho papel?		צי האָט איר אַ סך פּאַפּיר?
Tengo un poco		איך האָב א ביסל
¿Quiere Vd. un poco de queso?		צי ווילט איר עטוואָס קעז
¿Tiene Vd. muchos libros?		צי האָט איר אַ סך ביכער !
Tengo uno sóló		איך האב בלויז איינס
Solamante tengo dos libros		איך האָב נאָר צוויי ביכער
¿Cuánto?	קוא'נטאָ	וויפל
¿Cuántos?	קוא'נטאָס	וויפל (מערצאָל)
¿Cuànto dinero tiene Vd.?		וויפל געלט האָט איר?
¿Cuànto pan tìenes?		וויפל ברויט האָסטו?
¿Cuàntos hombres estàn aqui?		וויפל מענטשן זיינען דאָ?
¿Cuàntos amigos tienes?		וויפל פריינט האסטו ?
Más	מא'ס	מער
Màs que	מאַס קע	מער פון
No màs que		נישט מער ווי; בלויז; נאר
Muchìsimo	מוטשיי'סימאָ	זייער פיל
El pintor	פינטאָ'ר	דער מאָלער
El cuadro	קוא'דראָ	דאָס בילד
¿Cuàntos cuadros tiene él pintor?		וויפל בילדער האט דער מאָלער ?
Tiene muchìsimos		ער האט זייער פיל
No tengo màs que un libro		איך האב נישט מער ווי איין בוך
¿Tiene el muchos amigos?		צי האָט ער א סך פריינט ?
Solamente tiene dos amigos		ער האט בלויז צוויי פריינט

No tiene más que dos amigos	ער האָט נישט מער ווי צוויי פריינט
¿ Tiene Vd. mucho vino?	צי האט איר אסך ווין ?
Sólamente tengo un poco	איך האָב בלויז אַ ביסל

איבונג.

El pintor lleva el cuadro á la ventana. Yo to-. mo la regla y la pongo encima de la mesa. ¿Quién tiene hermosos cuadros? ¿ Cuántos perros tiene el comerciante ? Solamente tiene un perro. Tiene el pintor mucho dinero ? No, señor, tiene un poco. ¿ Tiene Vd. muchos hermanos ? No tengo más que dos. ¿ Cuàntos zapatos tiene el zapatero ? Tiene muchísimos.

וויפל ברידער האט איר? איך האב נישט קיין ברידער, נאָר איך האב בלויז צוויי שוועסטער. צי האט איר אסך גוטע פריינט ? איך האב בלויז איין פריינט. ער האט אסך פערד. וויפל ביכער האבן די יינגלעך ? זיי האבן עטלעכע ביכער. צי האט ער אסך געלט ? יא, מיין הער, ער האט אסך געלט. צי זיינען דא אסך בוימער אין אייער גארטן? וואס ווילט איר? איך וויל עסן און טרינקען. מיין זון טראגט א בוך. דאס יינגל לייגט אוועק דעם בוך אונטערן טיש. מיר ווילן טרינ- קען (tomar) טיי. זיי ווילן טרינקען קאַווע מיט מילך. די דאזיקע מענטשן זיינען אויסלענדער. וואס טוען די מאַטראסן? זיי עסן ברויט מיט קעז.

Lección once עלפטע לעקציע

Los números די ציפערן

Uno	אוּ׳נאָ	1
Dos	דאָס	2
Tres	טרע׳ס	3
Cuatro	קוּאַ׳טראָ	4
Cinco	דסי׳נקאָ	5
Seis	סע׳איס	6
Siete	סיע׳טע	7
Ocho	אָ׳טשאָ	8
Nueve	נוּע׳ווע	9
Diez	דיע׳דס	10
Once	אָ׳נדסע	11
Doce	דאָ׳דסע	12
Trece	טרע׳דסע	13
Catorce	קאַטאָ׳רדסע	14
Quince	קי׳נדסע	15
Diez y seis		16
Diez y siete		17
Diez y ocho		18
Diez y nueve		19
Veinte	ווע׳ינטע	20
Veintiuno	וועינטיאוּ׳נאָ	21
Veintidos	וועינטידאָ׳ס	22

Veintitres	װעינטיטרע׳ס	אזװ.	23
Treinta	טרע׳ינטאַ		30
Treinta y uno			31
Treinta y dos		אזװ.	32
Cuarenta	קואַרע׳נטאַ		40
Cuarenta y uno		אזװ.	41
Cincuenta	דסינקוּע׳נטאַ		50
Cincuenta y uno		אזװ.	51
Sesenta	סעסע׳נטאַ		60
Sesenta y uno		אזװ.	61
Setenta	סעטע׳נטאַ		70
Setenta y uno		אזװ.	71
Ochenta	אָטשע׳נטאַ		80
Ochenta y uno		אזװ.	81
Noventa	נאָװע׳נטאַ		90
Noventa y uno		אזװ.	91
Ciento (cien)	(דסיע׳ן) דסיע׳נטאָ		100
Doscientos (as)	דאָסדסיע׳נטאָס		200
Trescientos (as)	טרעסדסיע׳נטאָס		300
Cuatrocientos (as)	קואַטראָדסיע׳נטאָס		400
Quinientos (as)	קיניע׳נטאָס		500
Seiscientos (as)	סעאיסדסיע׳נטאָס		600
Setecientos (as)	סעטעדסיע׳נטאָס		700
Ochocientos (as)	אָטשאָדסיע׳נטאָס		800
Novecientos (as)	נאָװעדסיע׳נטאָס		900
Mil	מיל		1000
Mil uno			1001
Mil trescientos sesenta y cinco			1365
Dos mil			2000
Tres mil			3000
Cien mil			100.000
Doscientos mil			200.000

Un millón	מיליאָן	1.000.000
Un millón quinientos mil		1.500.000

א) אַזוי ווי מיר זעען ווערן פון די צוואַנציקסטע נו-
מערן ארויסגעוואָרפן דער e; מען זאָגט נישט veinteuno נאָר
veintiuno א.ז.וו.

ב) ווען Ciento הונדערט שטייט פאַר אַ זאַכוואָרט
נעמט ער אן די פאַרקירצטע פאָרם Cien. למשל: Cien
hombres.

ג) די צאָלווערטער פון 200 ביז 900 שטימען איין מיט
די זאַכווערטער פאַר וועלכע זיי שטייען, למשל: Doscientos
hombres צוויי הונדערט מאַן; און אויף צוויי הונדערט פע-
נעס זאָגט מען שוין: Doscientas plumas penas.

ד) דאָס צאָלוואָרט Mil ווערט קיינמאָל נישט געענ-
דערט. Mil, dos mil, tres mil א.ז.וו.

ה) Y, און, ווערט בלויז פאַרברויכט ביי די איינצעל-
נע צאָלווערטער, למשל: treinta y uno (31) ביי צענער-צאָלן
זאָגט מען שוין: Doscientos cincuenta.

Contar	קאָנטאַ'ר	ציילן
Yo cuento	קוע'נטאָ	איך צייל
El, ella cuenta	קוע'נטאַ	ער, זי ציילט
Vd. cuenta	קוע'נטאַ	איר ציילט
Comprar	קאָמפּראַ'ר	קויפן
Yo compro	קאָ'מפּראָ	איך קויף
El, ella compra	קאָ'מפּראַ	ער, זי קויפט
Vd. compra	קאָ'מפּראַ	איר קויפט
Vender	װענדער	פאַרקויפן
Yo vendo	װע'נדאָ	איך פאַרקויף
El, ella vende	װע'נדע	ער, זי פאַרקויפט

Vd. vende	ווע׳נדע	איר פאַרקויפט
Desde	דעסי׳ע	פון
Hasta	אַ׳סטאַ	ביז
Yo cuento; uno, dos, tres		איך צייל: איינס, צוויי, דריי
Vd. cuenta desde diez hasta doscientos		איר ציילט פון 10 ביז 200
¿ Desde qué nùmero cuenta Vd.?		פון וואָסער נומער ציילט איר?
¿ Hasta qué número cuenta Vd.?		ביז וואָסער נומער ציילט איר?
Hay	אַיי	ס׳איז דא, ס׳זיינען דאָ
Demasiado	דעמאַסיאַ׳דאָ	צופיל
Demasiados	דעמאַסיאַ׳דאָס	צופיל (מערצאָל)
Bastante	באַסטאַ׳נטע	גענוג
Bastantes	באַסטאַ׳נטעס	גענוג (מערצאָל)
¿ Cuántas sillas hay en el cuarto ?		וויפל שטולן זיינען דאָ אין צימער?
Hay diez sillas		ס׳זיינען דאָ צען שטולן
¿ Tienes bastante dinero ?		צי האָסטו גענוג געלט?
El tiene demasiados libros		ער האָט צופיל ביכער
Vd. tiene demasiadas sillas		איר האט צופיל שטולן
¿ Quiere Vd. comprar algo?		צי ווילט איר עפעס קויפן?
No, quiero vender un caballo		ניין, איך וויל פארקויפן א פערד
¿ Tiene Vd. bastante vino ?		צי האט איר גענוג וויין?
Sólo tengo un poco		איך האָב בלויז א ביסל

Solamente tengo un poco — איך האב בלויז א ביסל

איבונג.

¿ Cuántos hombres hay aqui ? Aqui hay tres cientos hombres. ¿ Cuànto pan quiere Vd. comprar? ¿ Tiene mucho dienero este hombre ? Tiene demasiado. Tiene él muchos amigos ? Tiene muchísimos. ¿ Qué hace el muchacho ? El cuenta sus plumas. ¿ Cuántas plumas tiene él ? Tiene bastantes. ¿ Qué trae el hombre ? Trae veintiún libros.

צי האָסטו א סך פריינט? יאָ, איך האָב אייניקע, אבער נישט צופיל. צי ווילט איר עפּעס קויפן ? איך וויל קויפן 17 ביכער. צי פאַרקויפט דאס יינגל זיין שיינעם שטעקן? צי האט איר א סך הענטשקעס ? איך האָב גאָרנישט. צי האָט איר גענוג צוקער? איך האָב בלויז א ביסל. וויפל צימערן זיינען דאָ אין דעמדאָזיקן הויז ? אינם הויז זיינען דאָ 18 צימערן. איך צייל פון צוואנציק ביז פינפהונדערט. פון וואָסער נומער ציילט איר? איך צייל פון איינס ביז טויזנט. דער סוחר האָט פינפהונדערט פופציק ביכער, דריי הונדערט זיבעציק בלייפעדערס און צווייהונדערט פענעס.

לייענט און שרייבט דאָס פאָלגנדיקע :

15, 17, 27, 36, 47, 59, 63; 77, 88, 92, 103, 125, 275, 421, 563, 611, 799. 842, 922. 1013, 1117, 1798, 1895. 2230, 7113, 9517, 10347, 237365.

Lección doce צוועלפטע לעקציע

La suma	סו'מא	די סומע, דער סכום
La cantidad	קאַנטידאַ'	
La moneda	מאָנע'דאַ	די מטבע
Monedas de oro		גאָלדענע מטבעות
Monedas de plata		זילבערנע מטבעות
Monedas de cobre		קופּערנע מטבעות
El niquel	ניקעיל	דאָס ניקל
El papel moneda		פּאַפּיר געלד
El banco	באַ'נקאָ	די באַנק
El billete	ביל־יע'טע	דער בילעט
El billete de banco		דער באַנקנאָט
El valor	וואַלאָ'ר	דאָס ווערט
Un peso tiene cinco pesetas		אַ פּעסע (מטבע) האָט פינף פּעזעטעס
Una peseta tiene cien céntimos		אַ פּעסעטע האָט 100 סאַנטים
Un marco vale una peseta y veinticinco céntimos		א מאַרק האָט דעם ווערט פון איין פּעסעטע און 25 סאַנטים
Un franco vale más que una peseta		א פראַנק איז מער ווערט פון איין פּעסעטע
El valor de un peso		דאס ווערט פון א פּעסע
¿Cuanto es el valor de un marco?		וויפל איז דאָס ווערט פון א מאַרק?

El acreedor	אַקרעעדאָ'ר	דער מלווה
El deudor	דעאודאָ'ר	דער בעל-חוב
La deuda	דע'אודאַ	דער חוב
El importe	אימפּאָ'רטע	דער סכום
Muy	מוי	זייער
Muy poco		זייער ווייניק
Unos pocos		זייער ווייניק (מערצאָל)
Muy pocos / Unos cuantos		עטלעכע. אייניקע
Otro, Otros	אָ'טראָ, אָ'טראָס	אַן אנדער, אנדערע
Pagar	פּאַגאַ'ר	באַצאָלן
Costar	קאָסטאַ'ר	קאָסטן
Valer	וואַלע'ר	ווערט זיין
He pagado	ע פּאַגאַ'דאָ	איך האָב באַצאָלט
Ha pagado	אַ פּאַגאַ'דאָ	ער האט באַצאָלט

¿ Ha pagado Vd. el importe ?	צי האט איר באַצאָלט דעם סכום ?
El deudor no ha pagado sus deudas	דער בעל-חוב דאָט נישט באַצאָלט זיינע חובות
¿ Tiene Vd. muchas deudas?	צי האט איר א סך חובות?
Tengo muy pocas	איך האָב זייער ווייניק
Tengo unos cuantos libros	איך האָב עטלעכע ביכער
No tengo ningun otro	איך האָב נישט קיין אנדער

די סדר-צאָלן:

El primero, la primera	פּרימע'ראָ	דער ערשטער, די ערשטע
El segundo la segunda	סעגו'נדאָ	דער צווייטער, די צווייטע
El tercero, la tercera	טערדסע'ראָ	דער דריטער, די דריטע

א) ווי מיר זעען ענדיקן זיך די סדר-צאָלן ביי מענ-לעכן מין אויף o מיטן אַרטיקל El און ביי ווייבלעכן מין

אויף a מיטן אַרטיקל La.

ב) Primero און Tercero פֿאַרלירן דאָס o ווען זיי שטייען פֿאַר אַ מענלעכן זאַכוואָרט, למשל El primer libro דאָס ערשטע בוך.

El cuarto, la cuarta	קו'אַרטאַ	דער פערטער, די פערטע
El quinto. la quinta	קי'נטאַ	דער פינפטער, די פינפטע
El sexto, la sexta	סע'קסטאַ	דער זעקסטער, די זעקסטע
El séptimo, la séptima	סע'פטימאַ	דער זיבעטער, די זיבעטע
El octavo, la octava	אָקטאַ'וואָ	דער אַכטער, די אַכטע
El noveno, la novena	נאָווע'נאָ	דער ניינטער, די ניינטע
El décimo, la décima	דע'דסימאָ	דער צענטער, די צענטע
El once, la once		דער עלפטער, די עלפטע
El doce, la doce		דער צוועלפטער, די צוועלפטע
El trece. la trece		דער דרייצנטער, די דרייצנטע
El veinte, la veinte		דער צוואַנציקסטער, די צוואַנציקסטע
El veintitres, la veintitres		דער דרייאונצוואַנציקסטער די דרייאונצוואַנציקסטע

ג) אנהייבנדיק פון once עלף איז דער סדר-צאָל פּונקט ווי דער יסוד-צאָל, אָבער ער שטייט הינטערן זאַכוואָרט אָן דעם אַרטיקל, למשל Capitulo quince דער פופצענטער קאַפּיטל; Lección veinte די צוואַנציקסטע לעקציע. Pàgina ciento cinco זייט 105.

El kilo	קי'לאָ	דאָס קילאָ
La libra	לי'בראַ	דער פונט
Un entero	ענטע'ראָ	אַ גאַנצע
Un medio	מע'דיאָ	אַ האַלבע
Un tercio	טע'רדסיאָ	אַ דריטל

Un cuarto	קוּאַ׳רטאַ	אַ פערטל
Tres cuartos	קוּאַרטאָס	דריי פערטל
Un decimo	דע׳דסימאָ	אַ צענטל
Un centesimo	דסענטע׳סימאָ	א הונדערטל
El doble	דאָ׳ב לע	דאָס טאָפּעלע

Quiero medio kilo de pan y un cuarto de kilo de queso — איך וויל א האַלבן קילאָ ברויט און א פערטל קילאָ קעז

¿Qué quieres comprar? — וואָס ווילסטו קויפן?

Quiero comprar tres cuartos de kilo de chocolate — איך וויל קויפן דריי פערטל קילאָ שאָקאָלאַד

La doble cantidad	קאַנטידאַ׳	אַ טאָפּלט צאָל
Un par		אַ פּאָר
Una docena	דאָדסע׳נאַ	אַ טוץ
La cantidad	קאַנטידאַ׳	א מספר, א צאָל
La media	מע׳דיאַ	אַ זאָק
El tómo	טאָ׳מאָ	דער באַנד
El capitulo	קאַפּי׳טולאַ	דאָס קאַפּיטל
La página	פּאַ׳כינאַ	די זייט
La óbra	אָ׳בראַ	דאָס ווערק
El rey	רעי	דער מלך

Un par de guantes	א פּאָר הענטשקעס
Una docena de medias	א טוץ זאָקן
La obra de Calderón	קאַלדעראָנס ווערק
Las obras de Lope de Vega	די ווערק פון לאָפּע-דע-וועגאַ
¿Qué tomos tiene Vd.?	וועלכע בענד האָט איר?
Tengo los dos primeros	איך האָבביידע ערשטע
Página veinte de la obra	די צוואַנציקסטע זייט פונם ווערק

El rey Alfonso XIII (trece)	דער קייזער אַלפאָנס דער דרייצנטער
Alfonso XIII es el rey de España	אַלפאָנס דער XIII איז דער מלך פון
Carlos V (Quinto) emperador de Alemania	קאַרל דער פינפטער, קייזער פון דייטשלאַנד
Un billete de segunda clase	אַ בילעט צווייטע קלאַס

איבונג.

¿Tiene Vd. muchos pesos? Tengo muy pocos No tengo màs que tres, pero mi hermano tiene treinta. ¿ Qué tomo tiene Vd. Tiene Vd. el primer tomo ó el tercero ? Yo tengo el tercero y mi hermano tiene el cuarto. ¿ Oué dinero tiene Vd.? Tiene Vd. monedas de oro ó de plata? He pagado una suma de diez mil pesos.

וויפל געלט האט דער שפּאַניער? ער האָט 5000 פּעזאָס. צי האָט איר געלט? איך האב נאָר פּאַפּיר-געלט. וויפל געלט האט איר אין באַנק? איך האָב 20.000 פראַנק. א בילעט פון דריטן קלאַס (clase) צוויי בילעטן פון צווייטן קלאַס קיין בוענאָס-איירעס (á Buenos Aires). צי האט דער שכן געקויפט (ha comprado) אן אנדער פערד? צי האט איר נאָר דעם ערשטן באַנד, אדער אויך דעם צווייטן? איך וויל קויפן דריי טוץ זאָקן און פינף פּאָר הענטשקעס. וויפל קילאָ פּוטער ווילסטו קויפן? איך וויל קויפן בלויז דריי פערטל קילאָ. איך האָב דעם צוואנציקסטן באַנד פון לאָפּע-דע-וועגאַס ווערק.

Lección trece דרײַצנטע לעקציע

El dia	ד'יאַ	דער טאג
La semana	סעמאַ'נאַ	די וואך
El mes	מעס	דער חודש
El año	אַ'ניאָ	דאס יאָר
La hora	אָ'ראַ	די שעה
El minuto	מינו'טאָ	די מינוט
El bolsillo	באָלסי'ליאָ	די קעשענע
El reloj de bolsillo		דער טאַש-זייגער
El reloj de pared		דער וואַנט-זייגער
Cuàndo	קוּאַ'נדאָ	ווען

Un dia tiene veinticuatro horas	אַ טאג האט 24 שעה
Una semana tiene siete dias	אַ וואך האט 7 טעג
Un mes tiene cuatro semanas	אַ חודש האט 4 וואכן
Un año tiene doce meses	אַ יאָר האט 12 חדשים
ó trescientos sesenta y cinco dias	אדער 365 טעג
Una hora tiene sesenta minutos	א שעה האָט 60 מינוטן
Yo llevo un reloj de bolsillo	איך טראָג א טאַש-זייגער

Los dias: די טעג:

Domingo	דאָמי'נגאָ	זונטיק
Lúnes	לו'נעס	מאָנטיק
Martes	מאַ'רטעס	דינסטיק
Miércoles	מיע'רקאָלעס	מיטוואך

Jueves	כוּצ׳ווּעס	דאָנערשטיק
Viernes	וויצ׳רנעס	פרייטיק
Sábado	סאַ׳בּאַדאָ	שבת
Los meses:		די חדשים:
Enero	ענע׳ראָ	יאַנואַר
Febrero	פעבּרע׳ראָ	פעבּרואַר
Marzo	מאַ׳רדסאָ	מערץ
Abril	אַברי׳ל	אַפּריל
Mayo	מאַ׳יאָ	מאַי
Junio	כוּ׳ניאָ	יוּני
Julio	כוּ׳ליאָ	יוּלי
Agosto	אַגאָ׳סטאָ	אויגוּסט
Septiembre	סעפּטיע׳מבּרע	סעפּטעמבּער
Octubre	אָקטוּ׳בּרע	אָקטאָבּער
Noviembre	נאָוויע׳מבּרע	נאָוועמבּער
Diciembre	דידסיע׳מבּרע	דעצעמבּער
¿A cuàntos estamos hoy?		אין וויפלטן זיינען מיר היינט? / דעם וויפלטן האבן מיר היינט?
A doce de Febrero		דעם צוועלפטן פעבּרואַר
¿ Qué dia del mes es hoy?		וואָסער טאָג אין חודש איז היינט? / דעם וויפלטן האָבן מיר היינט?
El primero		דער ערשטער (טאג אין חודש)
El dos		דער צווייטער
El tres de noviembre		דער דריטער נאָוועמבּער

א) ווי מיר זעען ווערט אויף דער דאָטע באַנוצט
צוויי אַרט שאלות, ביי דער ערשטער שאלה: A cuàntos
estamos ענטפערט דער שפּאַניער מיטן סדר-צאָל; אויף דער
צווייטער שאלה: Qué dia del mes ענטפערט ער בלויז
אויפן ערשטן טאָג פון חודש מיטן סדר-צאל, אויף די איבע-
ריקע טעג — מיטן יסוד-צאל.

La noche	נאָ'טשע	די נאַכט
La tarde	טאַ'רדע	דער אָוונט
Mañana	מאַניאַ'נאַ	מאָרגן
Ayer	אַיע'ר	נעכטן
Hoy	אָי	היינט
¿ Qué hora es ?		וויפל איז דער זייגער?
Es la una		ס'איז איינס אַזייגער
Son las dos		ס'איז צוויי אַזייגער
Son las ocho		ס'איז אַכט אַזייגער

בלויז אויף איינס אַזייגער זאגט דער שפּאַניער ,Es אָבער ווייטער איז שוין .Son

Son las tres y cuatro	ס'איז דריי אַזייגער מיט אַ פערטל / ס'איז אַ פערטל אויף פיר
Son las diez y tres cuartos	ס'איז דריי פערטל אויף פיר
Son las once y cinco minutos	ס'איז 11 אַזייגער מיט פינף מינוט
En (el año) mil novecientos veintisiete	אין יאָר 1927
Naci en el año mil ochocientos noventa y dos, à siete de Marzo	איך בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1892 דעם 7-טן מערץ
Buenos-Aires¡Mayo treinta de mil novecientos veintisiete	בוענאָס-איירעס, דעם 30-טן מאַי 1927 יאר

ג) דער שפּאַניער, אַז ער וויל זאָגן אַ גוטן טאָג, אָדער אַ גוטע נאַכט, זאגט ער אַלץ אין מערצאָל.

¡Buenos dias !	אַ גוטן טאָג, גוט מאָרגן
¡ Buenas noches !	אַ גוטע נאַכט

¡Buenas tardes!	אַ גוטן אָוונט
¿Qué tal?	ווי גייט עס? וואָס מאַכט איר? וויסטאַ
¡Hasta la vista!	אויף ווידערזען מזן?
¡Hasta mañana!	ביז מאָרגן

ד) ווען דער שפּאַניער באַגעגנט זיך מיט אייך פרעגט ער אייך ¿Qué tal? וואָס מאַכט איר? ווי גייטס? דאָס וואָרט Tal באַדייט: אַזוי.

איבונג.

¿Qué reloj tiene Vd.? Tengo dos relojes: un reloj de bolsillo y un reloj de pared ¿Cuántas semanas tiene un año?¿ Cuàl es el primer dia de la semana? Jueves es el dia quinto de la semana. ¿Qué dia es el tercero? ¿A cuàntos estamos hoy? A treinta y uno de Enero. ¿Qué hora es? Son las cinco y media. Madrid 18 Junio 1927. ¡Buenos dias, señores! ¿Qué tal?

דער ווייפלטער טאָג פון וואָך איז שבת? שבת איז דער זיבעטער טאָג פון וואָך. וועלכער חודש איז דער זעקסטער? צי איז פעברואַר דער צווייטער חודש פון יאָר אָדער דער דריטער? דעם ווייפלטן האָבן מיר היינט? היינט איז דער 25-טער יאַנואַר 1927 יאָר. ווי שפּעט איז? (וויפל אַזייגער) ס'איז האַלב דריי. ס'איז דריי פערטל אויף זיבן. ס'איז פיר אַזייגער מיט 10 מינוט. אַ גוטע נאַכט מיין הער! ביז מאָרגן! ווי טראָגט איר אייער טאַשן-זייגער? מיין טאַשן-זייגער טראָג איך אין קעשענע. צי האט איר געקויפט (ha comprado Vd.) דעם זיבעטן און דעם אַכטן באַנד פון לאָפּע-דע-וועגאַס ווערק?

Lección catorce פערצנטע לעקציע

El correo	קאָ'ררעאָ	די פּאָסט
La carta	קאַ'רטאַ	דער בריוו
La tarjeta	טאַ'רכעטאַ	די קאַרטע
La tarjeta postal	פּאָסטאַ'ל	די פּאָסטקאַרטע
El sobre	סאָ'ברע	דער קאָנווערט
El papel para cartas		בריוו-פּאַפּיר
La correspondencia	קאָררעספּאָנדע'נדסיאַ	די קאָרעספּאָנדענץ
La dirección	דירעקדס'יאָן	דער אַדרעס
Las señas	סע'ניאַס	
El sello	סע'ליאָ	די פּאָסט-מאַרקע
La fecha	פע'טשאַ	די דאַטע
El buzón	בו'דסאָן	דאס פּאסט-קעסטל
El portaplumas	פּאָרטאַפּלומאַס	דער פעדערהאַלטער
La tinta	טי'נטאַ	דאָס טינט
El tintero	טינטע'ראָ	דער טינטער
El papel secante	סעקאַ'נטע	פלעק-פּאַפּיר
Escribir	עסקרי'ביר	שרייבן
He escrito	עסקרי'טאָ	איך האָב געשריבן
Ha escrito		ער האָט געשריבן
Haber	אַבעיר	דער הילפס-צייטווארט האָבן
He	ע	איך האָב
Has	אַס	דו האָסט
Ha	אַ	ער, זי, איר האט
Hemos	ע'מאָס	מיר האבן

Habéls	אַבעַ'איס	איר האָט
Han	אַן	זיי האָבן

א) דאס הילפס-צייטוואָרט Haber דאַרף מען נישט אויסמישן מיט .Tener Haber ווערט ס'רוב באַנוצט אַלס הילפס-צייטוואָרט וועגן וועלכן מיר וועלן אין די ווייטערדיקע לעקציעס רעדן. אזוי ווי מיר זעען דאָ ווערט דער עבר-פאַר-טיציפ צוזאמענגעשטעלט מיט .Haber

די צייטווערטער, וועלכע ענדיקן זיך אויף ar, נעמען אָן אין עבר-פארטיציפ ado און די צייטווערטער וואָס ענדיקן זיך אויף er—ir נעמען אָן ido אַחוץ אייניקע אויסנאַמען.

¿ Ha escrito Vd. una carta ?	צי האָט איר געשריבן אַ בריוו
¿ Ha comprado Vd. tarjetas y sobres ?	צי האָט איר געקויפט קאַרטן און קאָנווערטן?
¿ Quiere Vd. comprar màs sellos ?	צי דאַרפט איר קויפן נאך מאַרקעס?
Quiero escribir una carta	איך וויל אנשרייבן אַ בריוו
¿Dónde està el buzon?	ווו איז דאָס פּאָסט-קעסטל?
El uno y el otro Uno y otro	ביידע; איינער און דער צווייטער
Ni el uno ni el otro Ni uno ni otro	נישט איינער אין נישט דער צווייטער

Ambos	אַמבאָס	ביידע
Ambas	אַמבאַס	ביידע (ווייבל. מין)
Aun Todavia	אַאוּ'ן טאָדאַווי'אַ	נאָך
Aun mas Todavia màs		נאך מער
Un poco más		נאָך אַ ביסל
Alguno más		נאָך אייניקע

Mucho màs; muchos màs	נאך מעָר; נאָך מערערע
No mucho màs	נישט מער
¿ Quieres todavia algunos ?	צי ווילסטו נאָך עטלעכע
¿ Tienes mi libro ó mi papel?	צי האסטו מיין בוך אדער מיין פאַפיר?
No tengo ni uno ni otro	איך האב נישט דאָס און נישט דאָס צווייטעס
¿ Tiene Vd. el primero ó el segundo tomo ?	צי האט איר דעם ערשטן אדער דעם צווייטן באַנד
Tengo ambos	איך האב ביידע

Preguntar	פרעגונטאַ'ר	פרעגן
Responder	רעספאָנדער	ענטפערן
Contestar	קאָנטעסטאַ'ר	
Pronunciar	פראָנונדסיאַ'ר	אויסשפרעכן
Hablar	אַבלאַ'ר	ריידן
Leer	לעע'ר	לעזן
Decir	דעדסי'ר	זאָגן
La pregunta	פרעגו'נטאַ	די שאלה, פראַגע
La respuesta	רעספו'עסטאַ	די תשובה, ענטפער
La palabra	פאַלאַ'בראַ	דאס ווארט
La pronunciación	פראָנונדסיאדסיאָ'ן	די אויסשפראַך

¿ Cuàl es la pronunciacion de esta palabra ?	ווי איז די אויסשפראך פון דעמדאָזיקן וואָרט?
Decir une palabra	זאָגן אַ וואָרט
Contestar la carta	ענטפערן אויפן ברית
Responder al hombre	ענטפערן דעם מענטשן
¿ A qué carta ha contestado Vd.?	אויף וועלכן בריוו האט איר געענטפערט?

Yo hablo en español	איך רעד שפאַניש
¿ Habla Vd. español ?	צי רעדט איר שפאַניש?
Yo pregunto y Vd. contesta	איך פרעג און איר ענטפערט
Yo leo el francés	איך לייען פראַנצויזיש
Vd. lee inglés	איר לייענט ענגליש
Yo hablo, pero no leo	איך שרייב, אבער איך לייען נישט
Vd. lee pero no escribe	איר לייענט, אבער איר שרייבט נישט
¿ Habla Vd. francés ?	צי רעדט איר פראַנצויזיש?
Yo hablo, leo y escribo	איך רעד, לייען און שרייב
¿ Cuàntas palabras hay aqui?	וויפל ווערטער זיינען דאָ?

איבונג.

¿ Quién de sus hermanos tiene dinero ? Ni uno ni otro tiene. Ambos tienen mucho dinero. ¿ Tiene Vd. muchos libros ? ¿ Quiere Vd. màs libros ? Si, unos pocos màs ¿ Cuántos tomos tiene él ? Solamente tiene dos. ¿ Ha escrito Vd. una carta a su hijo de Vd. ? Todavia no. ¿ Ha comprado Vd. aùn màs libros ? Muchos más. ¿ Quién lee el inglés ? Mi hermano lee y escribe el inglés. ¿ Què más tiene ? Tiene muy buenos caballos.

צי ווילט איר מיר זאָגן דעם אדרעס פון אייער שוועסטער? דער וויפלטער איז היינט? היינט איז דער 12-טער מאי. צי לייענט דיין ברודער שפאניש? ניין, ער רעדט, אבער ער לייענט נישט. צי האסטו געקויפט בריוו און פאסטמארקן? איך וויל שרייבן א בריוו, אבער איך האב נישט קיין טינט.

צי האט שוין דיין זון געקויפט פלעק-פאפיר? איר האט נישט אנגעשריבן די דאטע? מיין ברודער פרעגט און דיין זון ענ-טפערט אים. ווי איז די אויסשפראך פון ווארט señor? וועלכן באנד האט איר געקויפט, דעם פינפטן אדער דעם זעקסטן? איך האב געקויפטביידע. וויפל בענדער פון לאפע-דע-וועגאס ווערק האט דיין ברודער? ער האט 15 בענדער.

Lección quince פופצנטע לעקציע

La casa de comercio	קאמע'רדסיא	די האנדלס-הויז
La casa por mayor	מאיא'ר	דער אנגרא-געשעפט
La casa por menor	מענא'ר	דער דעטאל-געשעפט
La casa principal	פרינדסיפא'ל	דער הויפט-געשעפט
La sucursal	סוקורסא'ל	די פיליע
La bolsa	בא'לסא	די בערזע
El empleo	עמפלע'א	דער אמט
La caja	קא'כא	דער קאסטן
La factura	פאקטו'רא	די פאקטורע
Recibir	רעסיבי'ר	באקומען, אויפנעמען
Recibido	רעסיבי'דא	באקומען (עבר)
Firmar	פירמא'ר	אונטערשרייבן
Firmado	פירמא'דא	אונטערגעשריבן
Certificar	דסערטיפיקא'ר	איינשרייבן
Certificado	דסערטיפיקא'דא	איינגעשריבן
Una carta certificada	דסערטיפיקא'דא	א פאלעצאנער בריוו
Hacer negocios		געשעפט מאכן

¿Has recibido una carta? — צי האסטו באקומען א בריוו?

¿Firma la factura el negociante? — צי שרייבט אונטער דער סוחר די פאקטורע?

¿ Hay aqui una bolsa ?		צי איז דאָ אַ בערזע ?
¿ Dónde está la sucursal ?		ווו איז די פיליע ?
¿ Cuàntas cajas ha recibido Vd.?		וויפל קאַסטנס האט איר באקומען ?
Varios	וואַ׳ריאָס	פארשיידענע
Muchos, algunos		מערערע
Tanto, tantos	טאַ׳נטאָ	אזוי פיל
Como	קאָ׳מאָ	ווי
Justamente	כוסטאַמע׳נטע	פונקט, גענוי
Cabalmente	קאַבאַלמע׳נטע	
Justamente tanto		פונקט אזוי פיל
Tanto pan como vino		אזוי פיל ברויט ווי וויין
Tantos lapices como plumas		אזוי פיל בלייפעדערס וויפל פענעס
¿ Tiene Vd. tanto oro como plata ?		צי האט איר אזוי פיל גאָלד ווי זילבער ?
Tengo tanto de aquél como de ésta		איך האב אַזוי פיל פון דעם ווי פון יענעם
¿ Tiene Vd. justamente tanto dinero como yo ?		צי האט איר אזוי פיל געלט וויפל איך ?
Tengo justamente tanto		איך האב פונקט אזוי פיל
¿ Tiene Vd. papel bueno ó malo ?		צי האט איר גוטע אדער שלעכטע פאפיר ?
Tengo tanto del bueno como del malo		איך האב אזוי פיל גוטע וויפל שלעכטע
Los géneros	כע׳נעראָס	סחורה
Las mercaderias	מערקאַדערי׳אַס	
La clase	קלאַ סע	אַרט, סאָרט
La especie	עספע׳דסיע	
Más	מאַס	מער
Menos	מע׳נאָס	ווייניקער

¿Tiene Vd. buenos géneros?	צי האט איר גוטע סחורה?
Más géneros buenos que malos	מער גוטע סחורה ווי שלעכטע
Tengo más del uno que del otro	איך האב מער פון איינעם ווי פון אנדערן
Tengo más vino bueno que malo	איך האב מער גוטן ווי שלעכטן
Tengo menos que Vd.	איך האב ווייניקער פון אייך
Tengo tanto vino como èl	איך האב אזוי פיל וויין ווי ער
Tengo menos cuchillos que Vd.	איך האב ווייניקער מעסער פון אייך
Cinco menos tres son dos	פינף ווייניקער דריי איז צוויי 5—3=2

El jefe	כע'פע	דער פרינציפאַל, דער באַלעבאָס
El despacho	דעספאַ'טשאָ	די קאָנטאָר
El mozo	מאָ'דסאָ	דער קעלנער
El joven	כאָ'ווען	דער יונגערמאן
El paisano	פאַיסאַ'נאָ	דער פויער
El aldeano	אַלדעאַ'נאָ	דער פויער
El tenedor	טענעדאָ'ר	דער גאָפל
El tenedor de libros		דער בוכהאלטער
El americano	אַמעריקאַ'נאָ	דער אמעריקאנער
El italiano	איטאַליאַ'נאָ	דער איטאליענער
El escocés	עסקאָסע'ס	דער שאָטלענדער
El irlandés	אירלאַנדע'ס	דער אירלענדער
El holandés	אָלאַנדע'ס	דער האָלענדער

¿Dónde está el jefe?	ווו איז דער שעף?
Está en el despacho	ער איז אין קאנטאָר

¿ Què hace el mozo ? — וואס טוט דער קעלנער ?

El mozo trae pan — דער קעלנער טראָגט ברויט

¿ Quièn habla español ? — ווער רעדט שפּאניש ?

El italiano y el americano — דער איטאליענער און דער אמעריקאנער

Ir	איר	גיין
Yo voy	חאָי	איך גיי
Tu vas	חאַס	דו גייסט
El, ella, Vd. va	חאַ	ער, זי, איר גייט
Nosotros vamos	חאַ'מאָס	מיר גייען
Vosotros vais	חאַ'איס	איר גייט
Ellos, ellas van	חאַן	זיי גייען
Ido	אי'דאָ	געגאנגען
Yo voy á casa		איך גיי אהיים
Mi hermano va al jardin		מיין ברודער גייט אין גאָרטן
El teatro	טעאַ'טראָ	דער טעאַטער
El concierto	קאָנדסיע'רטאָ	דער קאנצערט
El baile	באַ'ילע	דער באַל

¿ Quiere Vd. ir al teatro ? — צי ווילט איר גיין אין טעאַטער ?

Si, quiero ir — יא, איך וויל גיין

¿ Quieres ir à mi casa? — צי ווילסטו גיין צו מיר ? (א היים)

Voy á mi casa — איך גיי צו זיך (אין שטוב)

Estoy en mi casa — איך בין אינדערהיים

¿Dónde està su hermano? — ווו איז זיין ברודער ?

Está en nuestra casa — ער איז אין אונזער שטוב?

¿ Adónde quiére Vd. ir? — ווו ווילט איר גיין ?

Quiero ir à casa de mi vecino — איך וויל גיין צו מיין שכן

Estoy en casa de mi amigo — איך בין ביי מיין פריינט

איבונג.

¿ Quiere Vd. comprar una caja ? Voy á la casa de comercio. ¿ Ha recibido Vd. la carta ? ¿Dónde està la bolsa ? El negociante ha certificado la factura. ¿ Què clase de géneros tiene el comerciante ? ¿ Quién tiene más géneros ? El italiano tiene màs géneros que el americano. Diez menos siete son tres. ¿ Quièn tiene miedo de hablar? ¿ Quien quiere comprar una casa ? El jefe està en la sucursal. ¿ Qué trae el aldeano ? Trae varias cosas.

צי ווילט איר קויפן מיין פריינטס פערד? ניין, איך וויל נישט קויפן. וווהין גייט דער פויער ? ער גייט צו מיר אין שטוב. דער קעלנער טראָגט טיי מיט מילך. מיר גייען אין גאָרטן און מיינע שוועסטער גייען אין וואלד. ווו איז די פּיליצ פון אונזער פריינט ? דער בוכהאַלטער האט אָנגעשריבן צען בריוו. צי ווילט איר גיין אויפן קאָנצערט? איך וויל נישט גיין אויפן קאָנצערט, איך וויל גיין אין טעאַטער. דער יונגער מאַן וויל גיין אויפן באַל. צי איז ער געגאנגען (ha ido) אויפן באל ? איך גיי אין קאַנטאָר פון מיין פריינט. וויפל גאָפּלען האט איר ? צי האט דער סוחר אסך סחורה? ער האט אזוי פיל סחורה וויפל איר האט. צי האט איר געלייענט די בריוו, וואס איר האט באקומען? איך האב זיי נאָך נישט געלייענט.

Lección diez y seis — זעכצנטע לעקציע

El cuarto	קוא׳רטאָ	די וווינונג
La habitación	אביטאַדסיאָ׳ן	דער צימער
La pieza	פיע׳דסאָ	דער צימער
El piso	פי׳סאָ	דער שטאָק
La estufa	עסטו׳פאַ	דער אויוון
La chimenea	טשימענע׳א	דער קאמין
El hogar	אָגאַ׳ר	די פּליטע
El fuego	פוע׳גאָ	דאָס פייער
La làmpara	לאַ׳מפּאַרא	די לאָמפּ
La lumbre	לו׳מברע	דאָס פייער (אין אויוון אין פּליטע)
Encender	ענדסענדע׳ר	אָנצינדן
Quemar	קעמאַ׳ר	פאַרברענען
Calentar	קאַלענטאַ׳ר	וואַרעמען
Caliente	קאַליע׳נטע	וואַרעם

¿ Quiere Vd. encender el fuego? — צי ווילט איר מאַכן פייער ?

Quiero encender la làmpara — איך וויל אנצינדן דעם לאָמפּ

¿ Quieres encender la lumbre? — צי ווילסטו אנצינדן פייער ?

No quiero encenderla — איך וויל עס נישט אָנצינדן

Tengo una pieza, pero no hay estufa — איך האָב א צימער, אבער ס׳איז נישטאָ קיין אויוון

ביײגונג פון זאַכװערטער

א) כדי דער תּלמיד זאָל זיך קענען בעסער אָריענטירן װעלן מיר אַלע 4 פאַלן פון די זאַכװערטער אילוסטרירן מיט בײַשפּילן.

נעמען פון באַלעבטע זאַכן:

אײנצאָל מענל. מין

1-טער פאַל:	דער שנײַדער אַרבעט	El sastre trabaja
2-טער פאַל:	דעם שנײַדערס הונט	El perro del sastre
3-טער פאַל:	גײן צום שנײַדער	Ir al sastre
4.טער פאַל:	שיקן דעם שנײַדער	Enviar al sastre

מערצאָל מענל. מין

די שנײַדערס	Los sastres
פון די שנײַדערס	De los sastres
צו די שנײַדערס	A los sastres
די שנײַדערס	A los sastres

מערצל		װײַבל. מין	אײנצאָל
די טעכטער	Las hijas	די טאָכטער	La hija
פון די טעכטער	De las hijas	פון דער טאָכטער	De la hija
צו די טעכטער	A las hijas	דער טאָכטער	A la hija
די טעכטער	A las hijas	די טאכטער	A la hija

אומבאַלעבטע זאַכן:

El bosque	Los bosques
Del bosque	De los bosques
Al bosque	A los bosques
El bosque	Los bosques

װײַבלעכער מין

La pena	De la pena	Las penas	De las penas
A la pena	La pena	A las penas	Las penas

Los hombres van al jardin	די מענטשן גייען אין גאָרטן
Los bosques son grandes	די וועלדער זיינען גרויס
¿Quién va à los bosques?	ווער גייט אין די וועלדער?
Mis hijas van à los jardines	מיינע שוועסטער גייען אין די גערטנער
¿ Qué quieres comprar à mi hijo?	וואס ווילסטו קויפן מיין זון?
Quiero comprar un libro à su hijo	איך וויל אייער זון קויפן א בוך
El correo està en la calle principal	די פּאָטשט איז אויף דער הויפּט-גאַס
¿ Què lámpara quiere Vd. encender?	וועלכן לאָמפּ ווילט איר אָנצינדן?
Los àrboles de los bosques	די בוימער פון די וועלדער
Queremos ir à los jardines	מיר ווילן גיין אין די וועלדער

A quién	א קיע'ן	וועמען
A alguno	א אלגו'נאָ	איינעם
A nadie	א נא'דיע	קיינעם
La parte	פּא'רטע	די צייט, דער טייל
Alguna parte		ערגעץ ווו
Ninguna parte		אין ערגעץ נישט
Dar	דאר	געבן
Buscar	בוסקא'ר	זוכן

¿ A quièn quiere Vd. dar el libro?	וועמען ווילט איר געבן דאָס בוך?
No quiero dar á nadie	איך וויל קיינעם נישט געבן
¿ Què quieres recibir?	וואָס ווילסטו באַקומען?

¿A quièn quieres recibir?	וועמען ווילסטו אויפנעמען?
¿ Qué busca Vd.?	וואָס זוכט איר?
Busco à mi hijo	איך זוך מיין זון
¿ A quién quiere Vd. enviar à mi casa?	וועמען ווילט איר צו מיר שיקן
¿ Quiere Vd. ir á alguna parte?	צי ווילט איר גיין ערגעץ ווו?
No quiero ir à ninguna parte	איך וויל אין ערגעץ נישט גיין
?A quién quiere Vd. enviar el libro?	וועמען ווילט איר שיקן דאָס בוך?
Quiero enviar el jibro al francés	איך וויל שיקן דאָס בוך דעם פראַנצויז
¿ Quiere Vd. ir con nosotros?	צי ווילט איר גיין מיט אונז?
No quiero ir con vosotros	איך וויל נישט גיין מיט אייך

ב) אין די פּראַקטיקע לעקציעס האבן מיר שוין גערעדט. וועגן דעם חילוק צווישן די הילפסצייטווערטער: Estar זיין און Ser זיין. די אונטן געבראכטע ביישפּילן וועלן בולט באַווייזן דעם חילוק.

Estar bueno		געזונט זיין
Estar malo		קראַנק זיין
Ser bueno		גוט זיין
Ser malo		שלעכט זיין
Alto	אַ'לטאָ	הויך
Roto	ראָ'טאָ	צעבראָכן
Fatigado	פאַטיגאַ'דאָ	מיד, פערמאַטערט
Cansado	קאַנסאַ'דאָ	מיד, פערמאַטערט
Este hombre es bueno		דער דאזיקער מענטש איז גוט

Este hombre está bueno	דערדאזיקער מענטש איז געזונט
Mi hija es mala	מיין טאָכטער איז אַ שלעכטע
Mi hija está buena	מיין טאָכטער איז קראנק
El es muy alto	ער איז זייער הויך (הויכער וווקס)
Él està muy alto	ער שטייט זייער הויך
La tinta es negra	די טינט איז שוואַרץ
La tinta està blanca	די טינט איז בלאַס
El reloj es de oro	דער זייגער איז פון גאָלד
El reloj està roto	דער זייגער איז צעבראָכן
Estoy fatigado	איך בין פאַרמאַטערט

איִבונג.

¿ Qué quieres hacer ? Quiero encender fuego. ¿ Cómo està su hermano de Vd.? Està muy bien. Hay lumbre en la estufa. No hay lumbre. ¿ A quién quiere Vd. buscar? Busco à nuestro amigo. ¿ Què tiene Vd.? Tengo miedo de quemar el libro. ¿A quién ha vendido Vd. la casa? La hé vendido à los hijos del vecino. ¿Quiere Vd. ir à alguna parte? No queremos ir a ninguna parte.

וועמען ווילט איר שיקן אין מיין ברודערס הויז? איך וויל שיקן מיין זון. צי ווילט איר גיין ערגעץ ווו? איך וויל גיין צו מיין פריינט, אבער איך בין פאַרמאטערט. מיין ברודער האט מורא צו פארברענען דאָס פאַפיר. מיין ברודער איז קראַנק. דער בוים איז זייער הויך. מיין פאטער איז פון הויכן ווקס. דער גאָלדענער זייגער איז צעבראָכן. וועמען ווילט איר אויפנעמען? איך וויל אויפנעמען אונזער שכן. צי זייט איר געזונט? צי האט איר עמיצן געזען? איך האָב קיינעם נישט געזען. צי איז דאָס פאפיר גוט? איך וויל פארברענען מיינע רעכענונגען, וועלכע מיין בעל־חוב האט מיר געשיקט. מיין זייגער איז נישט פון גאָלד, נאָר פון זילבער.

Lección diez y siete זיבצנטע לעקציע

El diccionario	דיקדסיאָנאַ'ריאָ	דער ווערטערבוך
La gramática	גראמאַ'טיקא	די גראַמאַטיקע
El diario	דיאַ'ריאָ	די צייטונג
El periódico	פעריאָדי'קאָ	
El médico	מע'דיקאָ	דער דאָקטאָר

¿A quién quiere Vd. enviar la gramàtica?	וועמען ווילט איר שיקן די גראמאטיקע?
¿A qué hombres quiere Vd. llevar el diccionario	וועלכע מענטשן ווילט איר ברענגען דעם ווערטערבוך?
¿Quiere Vd. llevar á mi hijo?	צי ווילט איר מיטברענגען מיין זון?
Si, quiero llevarle á su casa	יא, איך וויל אים ברענגען צו אייך
Quiero enviarle á casa de mi padre	איך וויל אים שיקן צו מיין טאַטן
¿Quiere Vd. llevar al mèdico?	צי ווילט איר ברענגען דעם דאָקטאָר?
Quiero llevarle	איך וויל אים ברענגען
¿Cuándo quiere venir?	ווען וויל ער קומען?
No quiere venir hoy, sino mañana	ער וויל נישט קומען היינט. נאָר מאָרגן

א) די פערזענלעכע פּראָנאָמען: se, lo, la, le, te las, los, les, os, nos, ווען זיי באציען זיך צו אן אומ·

באַשטימטן צייטוואָרט, צו אַ גערונדיום, צו אדער צו נישט קיין פארנייניקטן באַפעל-פאָרם ווערן זיי אָנגעשלאָסן צום צייטוואָרט און בילדן איין וואָרט.

Se	זיך	Les	זיי
Me	מיך	Nos	אונז
Le	אים		

Ver	ווער	זען
Ver al hombre		זען דעם מאַן
Ver el àrbol		זען דעם בוים
Ver la casa		זען דאָס הויז
Verme	וועירמע	מיך זען
Verle	וועירלע	אים זען
Verse	וועירסע	זיך זען
Verla	וועירלא	זי צו זען
Hablar à		רעדן מיט
Hablarme	אבלאַרמע	ריידן מיט מיר
Escribirle	עסקריביירלע	שרייבן צו אים
Hablarse	אבלאַרסע	ריידן מיט איינאַנדער
¿Quiere Vd. escribirme?		צי ווילט איר מיר שרייבן?
Quiero escibir à Vd.		איך וויל צו אייך שרייבן
¿ Quién quiere hablarme ?		ווער וויל צו מיר רעדן?
Mi hermano quiere hablar á Vd.		מיין ברודער וויל מיט אייך רעדן
Hablar al hombre		רעדן צום מאַן

פערזענלעכע פאָרווערטער

איינצאל

1-טע פערזאָן		2-טע פערזאָן		
Yo	איך	Tú	דו	1-טער פאל
De mi	מיינער	De ti	דיינער	2-טער פאל
A mi; me	מיר	A ti; te	דיר	3-טער פאל
A mi; me	מיך	A ti; te	דיך	4-טער פאל

3-טע פערזאָן מענל. מין		3-טע פערזאָן ווייבל. מין		
Él	ער	Ella	זי	1-טער פאל
De él	דיינער	De ella	אירער	2-טער פאל
A él; le	אים	A ella; le (la)	איר	3-טנר פאל
A él; le (lo)	אים	A ella; la	זי	4-טער פאל

מערצאָל

1-טע פערזאָן		2-טע פערזאָן		
Nosotros, as	מיר	Vosotros, as	איר	1-טער פאל
De nosotros, as	אונזער	De Vosotros, as	אייער	2-טער פאל
A nosotros, as; nos	אונז	A vosotros, as; vos	אייך	3-טער פאל
A nosotros, as; nos	אונז	A vosotros, as; os	אייך	4-טער פאל

3-טע פערזאָן מענל. מין		3-טע פערזאָן ווייבל. מין		
Ellos	זיי	Ellas	זיי	1-טער פאל
De ellos	זייערע	De ellas	זייערע	2-טער פאל
A ellos; los	זיי	A ellas; les (las)	זיי	3-טער פאל
A ellos; los	זיי	A ellas: las	זיי	4-טער פאל

Cerillas	דסעריי'ליאַס פאָ'ספאָראָס	שוועבעלעך, זאפאל-קעס
El carbón	קאַרבאָ'ן	קוילן
El fusil	פוסי'ל	דער ביקס
El jabón	כאַבאָ'ן	די זייף
El clavo	קלאַ'װאָ	דער טשוואָק
El baúl	באַאו'ל	דער קופער
El cofre	קאָ'פרע	
El saco	סאַ'קאָ	דער זאק

Quiere enviarme un fusil	ער וויל מיר שיקן א ביקס
Quiero enviarte el baúl	איך וויל דיר שיקן דעם קופער
Mi hijo quiere enviarle fósforos	מיין זון וויל אים שיקן שוועבעלעך
¿ Quién quiere enviarnos carbón ?	ווער וויל אונז שיקן קוילן ?
¿Quièn quiere enviarós carbón ?	
Quiere enviarle el libro	ער וויל איר שיקן דאס בוך
Quiere enviarla el libro	
Quiero enviarles los libros	איך וויל זיי שיקן די ביכער
Quiero enviarlos el libro	איך וויל זיי שיקן דאָס בוך (פאר מענער)
Quiero enviarlas el libro	איך וויל זיי שיקן דאָס בוך (פאר פרויען)

ב) היות דער דריטער פאל פון פערז. פּאָרוועךטער איז אלץ איינס פאר מענל. מין ווי פאר ווייבל. מין, דעריבער, כּדי אראָפּצונעמען די צווייטייטיקייט, באנוצן אסך שרייבער La און Las.

Quiero enviarle el libro (á él)	איך וויל אים שיקן דאס בוך
Quiero enviarle el libro (á ella)	איך וויל איר שיקן דאס בוך
Quiero enviarla el libro	

Entregar	ענטרע׳גאַר	איבערשיקן, איבערגעבן
Participar	פּארטיסיפּ׳אר	מיטטיילן
pedir	פּעדי׳ר	בּאַשטעלן
Prestar	פּרעסטאַ׳ר	לייען

Poder	פאָרע׳ר	קענען
Yo puedo	פוע׳דאָ	איך קען
Tu puedes	פוע׳דעס	דו קענסט
El, ella, Vd. puede	פוע׳דע	ער, זי, איר קענט
Nosotros podemos	פאָדע׳מאָס	מיר קענען
Vosotros podéis	פאָדע׳איס	איר קענט
Ellos, as pueden	פוע׳דען	זיי קענען

איבונג.

¿ Puede Vd. prestarme una gramàtica? Si, señor, puedo prestarle mi gramàtica ¿Quiere Vd. hablar á nuestro vecino? No, señor, no quiero hablarle. Quiero escribirle, pero no tengo tiempo para hacerlo. ¿ Tiene Vd. dinero para comprar un fusil ? ¿ Recibe Vd. un diario? No puedo recibirle, no tengo dinero. Quiero ver al médico para hablarle. ¿ Quiere Vd. prestarme dinero para pagar mis deudas ? Necesito 1750 pesos.

צי קענט איר מיר געבן אייער קופער? וועמען ווילט איר זען? איך וויל זען. צי האט איר קוילן, כדי איינצוהייצן דעם אויוון? צי האט איר חשק צו פאַרברענען דאָס פאפיר? איך האָב חשק עס צו פאַרברענען. וויפל טשוועקעס הילט איר אונז געבן? איך וויל אייך געבן דרייסיק טשוועקעס. ווען ווילט איר מיך זען? איך וויל אייך זען מאָרגן 5 אזייגער. צי ווילט איר אונז זען היינט אין אָוונט? איך וויל אייך נישט זען היינט אין אָוונט, נאר מארגן ביינאַכט. צי ווילט איר רעדן מיט מיינע שוועסטער? איך וויל מיט זיי רעדן. מיין פאָטער וויל מיט אייך רעדן, נאר ער האט נישט קיין צייט.

Lección diez y ocho אכצנטע לעקציע

La ropa	רָא'פּאַ	די וועש
La lavandera	לאַוואַנדע'ראַ	די וועשין
La camisa	קאַמי'סאַ	דאָס העמד
El pañuelo	פּאַניועַ'לאָ	דאָס נאָזטיכל
El paño	פּאַ'ניאָ	די טוך
El peine	פּעי'נע	דער קאַם
El cuero	קועַ'ראָ	דאָס לעדער
La piel	פּיעַ'ל	די פעל
La madera	מאַדע'ראַ	דאָס האָלץ
La fábrica	פאַ'בריקאַ	די פאבריק
El botón	באָ'טאָן	דער קנאָפּ
Limpio	לי'מפּיאָ	ריין
Sucio	סו'דסיאָ	שמוציק
Util	או'טיל	נוצלעך
Lavar	לאַוואַ'ר	וואַשן

¿ Tiene Vd. jabón para lavar la ropa ?	צי האָט איר זייף, כדי צו וואַשן די וועש?
¿ Cuándo quieres enviarme los botones ?	ווען ווילסטו מיר שיקן די קנעפּ ?
¿ Puede Vd. enviarme la madera ?	צי קענט איר מיר שיקן דאָס האָלץ?
No puedo enviarle	איך קען אייך נישט שיקן

אין די פּאָריקע לעקציעס האבן מיר גערעדט וועגן דער אָנשליסונג פון פערזענלעכע פּאָרווערטער צום צייטוואָרט: וועגן דער אָנשליסונג בלויז פון איין פּאָרוואָרט. ס'ווערען אויך אָנגעשלאָסן צוויי פערזענלעכע פּאָרווערטער; אין דעם פאַל נעמען אָן די פּאָרווערטער פון דער דריטער פערזאָן די צווייטע שטעלע.

ווען ס'טרעפן זיך צוזאַמען צוויי פּאָרווערטער פון דער ערשטער און צווייטער פערזאָן, דעמאָלט קומט דאָס פּאָרוואָרט פון 4-טן פאַל פאַר דעם פארוואָרט פון 3-טן פאַל.

אן אויסנאַם איז פאר Se זיך, וועלכער שטייט תמיד צום ערשטן.

ער וויל זיי אונז איבערגעבן	Quiere entregàrn o s l o s
ער וויל זיי אייך איבערגעבן	Quiere entregár o s l o s
ער וויל דיך מיר איבערגעבן	Quiere entregàr t e m e
ער וויל זיך מיר איבערגעבן	Quiere entregár s e m e
ער וויל זיך אונז איבערגעבן	Quiere entregár s e n o s
ער וויל זיך אייך איבערגעבן	Quiere entregár s e o s

ג) מען פאַרמיידט, די פאַרבינדונגען mete, osnos, nosos, sete און מען זאָגט: me á ti; nos àvosotros; se á ti: os á vosotros.

ער וויל מיך דיר איבערגעבן	Quiere entregar m e à ti
ער וויל אונז צו אייך איבערגעבן	Quiere entregar n o s a vosotros
ער וויל אייך צו אונז איבערגעבן	Quiere entregar o s á nosotros
ער חיל זיך דיר איבערגעבן	Quiere entregar s e á ti

ווען צוויי פּאָרווערטער הויבן זיך אָן מיט L פאַרבייט מען דעם ערשטן אויף Se, כדי ס'זאָל זיך נישט איבערחזרן צוויי מאָל דאַסזעלבע

Quiere Vd. enviar el libro al hombre ?	צי ווילט איר דעם מאַן שיקן דאָס בוך ?
Quiero enviár s e l o	איך וויל עס אים שיקן
¿ Cuàndo quiere Vd. enviár s e l o ?	ווען ווילט איר עס שיקן ?
Quiero enviár s e l o mañana	איך וויל עס שיקן מאָרגן

ד) אַסך מאָל ווערן די אַליינשטייעדיקע פּאָרווערטער
צעבראַכט נישט פאַרבונדן מיט די צייטווערטער און אויף
פאַרשידענע אופנים.

¿Quiere Vd. escribi r l e?	צי ווילט איר אים שרייבן ?
No quiero escribir l e à él, sino a su hermano	איך וויל נישט אים שרייבן, נאָר זיין ברודער
¿ Cuándo me quiere Vd. enviar el libro ? ¿Cuàndo quiere Vd. enviarme el libro ?	ווען ווילט איר מיר שיקן דאָס בוך ?
¿Cuàndo puede Vd. enviàr m e l a? ¿ Cuàndo me la puede Vd. enviar ?	ווען קענט איר מיר זי שיקן?
Tengo qué...	האָבן צו...
Tener necesidad de... Necesitar	נויטיגן זיך, ברויכן
¿ Tiene Vd. algo que hacer ? Nada tengo que hacer	צי האט איר עפּעס וואָס צו טאָן ?
¿ Necesita Vd. alguna cosa ¿ Tiene Vd. necesidad de alguna cosa?	צי דאַרפט איר עפּעס ?

Tengo necesidad de un buen fusil	איך דארף האָבן אַ גוטן ביקס

¿De qué?	פון וואָס	De quién	פון וועמען
¿Con qué?	מיט וואָס	Con quién	מיט וועמען
¿á qué?	צו וואס	A quién	צו וועמען

¿De quién quieres hablar?	פון וועמען ווילסטו רעדן?
¿De qué quieres hablar?	פון וואס ווילסטו רעדן?
¿A quién quiere Vd. hablar?	צו וועמען ווילט איר רעדן?
¿Con quién quiere Vd. hablar?	מיט וועמען ווילט איר רעדן?

Antes de	אַ׳נטעס	פריער
Después de	דעספּוע׳ס	נאָכדעם
Tarde	טאַ׳רדע	שפּעט
Temprano	טע׳מפּראַנאָ	פרי
Ahora	אַאָ׳רא	איצט
Cerca de	דסע׳רקא	לעבן
El camino	קאמי׳נאָ	די וועג
El cabo	קאַ׳באָ	דער סוף, די ענדע
El fin	פין	
La fonda	פאָ׳נדא	די אכסניה, דער האָטעל
El hotel	אָ׳טעל	

Al cabo del camino	צום סוף פון וועג
Al fin del dia	צום סוף פון טאָג
Cerca de la ventana	לעבן דעם פענצטער
Es muy tarde	ס׳איז זייער שפּעט
Ahora es muy temprano	איצט איז זייער פרי
Antes de ir á casa voy al jardin	איידער איך גיי אהיים גיי איך אין גאָרטן

ב) פון צוויי אזייגער ביז זון-אונטערגאנג איז ביי די שפּאַניער tarde אוונט; שפּעטער איז שוין noche.

¿A què hora por la noche?		וויפל אזייגער ביינאכט?
Por la tarde En la tarde		נאכמיטאָג, אין אוונט
Mañana temprano		מאָרגן פרי
El gusto	גו׳סטאָ	דער געשמאַק
El favor	פאַוואָ׳ר	די געפעליקייט, די טובה
Querido	קערי׳דאָ	געליבט, ליבער
Hacer un favor		טאָן אַ געפעליקייט, א טובה
¡Mi querido amigo! ¡Querido amigo mio!		מיין ליבער פריינט!
¿Quieres hacerme un favor, querido amigo		צי ווילסטו מיר טון א טובה מיין ליבער פריינט
Todo, toda	טאָ׳דאָ	אַלץ
Todos, todas	טאָ׳דאָס	אַלע
Todo el dia		א גאנצן טאָג
Todas las noches		יעדע נאַכט
Toda la noche		א גאנצע נאַכט
¿Necesita Vd. todo ese papel?		צי דארפט איר דאס גאנצע פאפיר?
Lo necesito todo		איך דארף עס אלץ
Tiene Vd. necesidad de todas las plumas?		צי דארפט איר אלע פענעס?
Conocer	קאָנאָדסע׳ר	קענען
Visitar	וויסיטאַ׳ר	באזוכן
Salir	סאַלי׳ר	ארויסגיין
Quedar Quedarse Permanancer	קעדאַ׳ר קעדאַ׳רסע פערמאַנענדסע׳ר	בלייבן

Mandar	מנדא׳ר	שיקן
¿Conoce Vd. à ese hombre ?		צי קענט איר דעם מאַן ?
¿Cuàndo quiere Vd. salir?		ווען ווילט איר ארויסגיין ?
Yo quiere quedarme aqui Quiero permanecer aqui		איך וויל דאָ בלייבן
Tengo necesidad de todo mi dinero		איך דארף מיין גאַנץ געלט

איבונג.

La lavandera no puede lavar la ropa, no tiene madera para encender fuego. Quiero ir mañana á la ciudad. ¿ Ha lavado Vd. sus camisas y pañuelos ¿Quiere Vd. enviarme los zapatos de cuero? Quiero enviârselos à Vd. ¿Puede Vd. prestarme la gramática? Si, señor, quiero prestàrsela ¿ Quieres hablar a nuestro vecino? Si, quiero hablarle.

איך האב יעצט קיין צייט נישט, איך קען נישט קומען צו אייך. ווו געפינט זיך די פאבריק? זי געפינט זיך אויף דער הויפט-גאס. טו מיר אַ טובה און שיק מיר מיין ברודער. גוט, איך וועל אים דיר שיקן. מיין ליבער פריינט! ווו געפינט זיך דיין הויז? עס געפינט זיך לעבן דעם וועג. ביים סוף פון גאס געפינט (está) זיך מיין ברודערס הויז. ווען קומט איר צו מיר? מאָרגן גאַנץ פרי. איך וויל גיין צום דאקטאָר, כדי מיט אים צו רעדן. צי קענט איר מיר געבן אייערע ביכער? איך קען זיי אייך געבן. צי האט איר גענוג געלט אויף צו קויפן א האמער? איך האב צו ווייניק געלט כדי אים צו קויפן. ווען ווילט איר מיר שיקן אייער ברודער? מאָרגן פרי שיק איך אים צו אייך.

—

Lección diez y nueve נײַנצנטע לעקציע

אומבאַשטימטער אופן פון צײַטוואָרט Infinitivo

א) די שפּאַנישע צײַטווערטער האָבן דרײַ פאַרשײדענע ענדונגען:

1) די ענדונג פון דער ערשטער בײגונג איז ar — למשל: Hablar, רײדן;

2) די ענדונג פון דער צווײטער בײגונג איז er — למשל: Comer, עסן

3) די ענדונג פון דער דריטער בײגונג איז ir — למשל: Dividir, טײלן, צוטײלן,

אַלזאָ, אַלע רעגעלמעסיקע צײַטווערטער ווערן געבויגן אויף דרײַ אופנים: די וואָס ענדיקן זיך ar — ווערן געבויגן ווי hablar, אויף er — ווי comer און אויף ir — ווי dividir. אחוץ דעם זײַנען דאָ אונרעגעלמעסיקע צײַטווערטער, וועלכע נעמען אָן פאַרשײדענע ענדערונגען בײַם בויגן. די דאָזיקע אונרעגעלמעסיקע צײַטווערטער וועלן ווערן באַזונדער געבראַכט (כּדי דער תּלמיד זאָל זײ קענען אָפּשײדן אין טעקסט וועלן מיר זײ באַצײכענען מיט אַ שטערנדל *)

די איצטיקע צײַט Presente

ערשטע בויגונג: Hablar אַבלאַר

Yo hablo	אַ׳בלאָ	איך רײד
Tu hablas	אַ׳בלאַס	דו רעדסט
El, ella Vd. habla	אַ׳בלאַ	ער, זי, איר (העפל. פאָרם) רעדט

Nosotros hablamos	אבלא׳מאָס	מיר ריידן
Vosotros habláis	אבלאַ׳יס	איר רעדט
Ellos ellas Vds. hablan	א׳בלאן	זיי, איר (מערצאָל) רעדן

קאָמע׳ר Comer צווייטע בויגונג:

Yo como	קאָ׳מאָ	איך עס
Tu comes	קאָ׳מעס	דו עסט
El, ella, Vd. come	קאָ׳מע	ער, זי, איר עסט
Nosotros comemos	קאָמע׳מאָס	מיר עסן
Vosotros comèis	קאָמע׳איס	איר עסט
Ellos-as, Vd. comen	קאָ׳מען	זיי עסן

דיווידי׳ר Dividir דריטע בויגונג:

Yo divido	די׳ווידאָ	איך טייל
Tu divides	די׳ווידעס	דו טיילסט
El, ella, Vd. divide	די׳ווידע	ער, זי, איר טיילט
Nosotros dividimos	דיווידי׳מאָס	מיר טיילן
Vosotros dividis	דיווידי׳ס	איר טיילט
Ellos-as, Vds. dividen	די׳ווידען	זיי טיילן

ב) ס׳רוב צייטווערטער, וועלכע ענדיקן זיך אויף iar– און uar – באקומען אין איינצאָל און אין דער דריטער פּערזאָן מערצאָל די פּראָפּ אויפן "i„ און "u„ למשל:

Enviar	ענוויא׳ר	שיקן
Continuar	קאסטינוא׳ר	פאַרזעצן
Envio	ענווי׳אָ	איך שיק
Envias	ענווי׳אַס	די שיקסט
Envia	ענווי׳אַ	ער, זי, איר שיקט
Enviamos	ענוויאַ׳מאָס	מיר שיקן
Enviáis	ענוויאַ׳איס	איר שיקט
Envian	ענוויאַ׳ן	זיי, איר שיקן

Continuar פאָרזעצן

Continùo	קאָטינו׳אָ	איך זעץ פאָר

Continùas	קאָנטינוּאַ׳ס	דו זעצסט פאָר
Continùa	קאָנטינוּ׳א	ער, זי, איר זעצט פאָר
Continuámos	קאָנטינואַמאָס	מיר זעצן פאָר
Continuais	קאָנטינואַאיס	איר זעצט פאר
Continùan	קאָנטינוּ׳אַן	זיי, איר זעצן פאָר

Abrir	3	בויגונג	אַבריי׳ר	עפענען
Cerrar	1	״	דסערר׳אַר	פאַרשליסן
Cortar	1	״	קאָרטאַ׳ר	שניידן
Establecer	2	״	עסטאַבלעדסע׳ר	איינאָרדנען
Buscar	1	״	בוסקאַ׳ר	זוכן
Reparar	1	״	רעפאַראַ׳ר	פאריכטן, אויסבעסערן
Trabajar	1	״	טראַבאַכאַ׳ר	ארבעטן
Levantar	1	״	לעוואַנטאַ׳ר	אויפשטיין
Alzar	1		אַלדסאַר	אויפהייבן (פון דער ערד)
Romper	1	״	ראָמפּע׳ר	צעברעכן

¿Tiene Vd. miedo de romper un vaso?	צי האט איר מורא צו צו- ברעכן א גלאָז?
¿Quiere Vd. reparar mis zapatos?	צי ווילט איר פאריכטן אייערע שיך?
Mi hermano corta el pan	מיין ברודער שניידט דאָס ברויט
Mi padre abre la ventana	מיין פאטער עפנט דאָס פענצטער
Los muchachos cierran la puerta	די יינגלעך מאכן צו די טיר
¿Qué busca Vd.?	וואָס זוכט איר?
Busco mis zapatos	איך זוך מיינע שיך
Nuestro amigo establece una casa de comercio	אונזער פריינט אָרדנט איין א געשעפטס-הויז
Mi hermano trabaja mucho	מיין ברוד׳ער ארבעט פיל

La ciudad	דסיאודא׳	די שטאָט
La calle	קאַ׳ליע	די גאַס
La calle principal	פרינדסי׳פאַל	די הויפט-גאַס
La plaza	פלאַ׳דסאַ	דער מארק, דער פּלאַץ
El mercado	מערקאַ׳דאָ	
El patio	פאַטיאָ	דער הויף
El almacén	אַלמאַדסען	דער לאַגער
La tienda	טיע׳נדא	די קראָם
Gana	גאַ׳נא	לוסט, חשק
Deseo	דעסע׳אָ	
Para	פאַ׳רא	אום
Tiempo	טיע׳מפאָ	צייט

Tener gana de comer	האָבן חשק צו עסן
Tener deseo de escribir	האָבן לוסט צו שרייבן
¿ Tiene Vd. gana de trabajar ?	צי האט איר צייט צו אַרבעטן ?
No tengo tiempo	איך האָב נישט קיין צייט
¿Tiene Vd. dinero para comprar pan ?	צי האט איר געלט, כדי צו קויפן ברויט ?
¿ Tiene Vd. tiempo de comer ?	צי האט איר צייט צו עסן ?
Tengo tiempo, pero no tengo gana	איך האָב צייט, אבער איך האב נישט קיין חשק
¿ Dónde está la calle principal de la ciudad?	ווו איז די הויפט-גאַס פון דער שטאָט ?
El correo està en el mercado	די פּאָטשט איז אויפן מארק
¿ Cuàntas tiendas hay en el patio?	וויפל קראָמען זיינען דאָ אין הויף ?

איבונג.

¿ Tiene Vd. tiempo de cortar algunos árboles ?

Tengo tiempo pero no tengo gana. Mì hermano va al mercado. ¿ Tiene Vd. tiempo para comprar alguno? ¿ Quién está en el patio ? ¿ Què quiere hacer su vecino de Vd. ? El va a la plaza para comprar zapatos. ¿ Es grande la ciudad ó paqueña ? ¿Quién quiere establecer un almacén ? Yo continuo mì lección.

צי וויל אייער ברודער ארבעטן ? ער האט נישט קיין חשק צו ארבעטן, ער וויל גיין אין גארטן. מיר האבן חשק צו גיין אין וואלד. ווו איז די פּאָטשט ? די פאטשט איז אויף דער הויפּט-גאס. איך האָב גרויס חשק צו קויפן א הויז, אבער איך האב נישט קיין געלט. צי ווילט איר קויפן פערד ? איך האב צוויי פערד, וויל איך שוין מער נישט קויפן. מיין ברודער זוכט זיין הונט. מיין שוועסטער עפנט די טיר. די סוחרים פון דער שטאָט האבן נישט קיין גוטע סחורה. צי האט איר געלעזן די בריוו, וואס איר האט באַקומען (recibido). מיר האָבן נישט באקומען קיין בריוו, מיר האבן בלויז איין פאסט-קארטע באקומען.

Lección veinte צוואַנציקסטע לעקציע

El buey	בועי	דער אָקס
El asno	אַ'סנאָ	דער אייזל
El burro	בו'רראָ	
El pájaro	פּאַ'כאַראָ	דער פויגל
El pollo	פּאָ'ליאָ	דער קורטשאָק
La carne	קאַ'רנע	פלייש
El jamón	כאַמאָ'ן	שינקע
El grano	גראַ'נאָ	קאָרן
El trigo	טרי'גאָ	ווייץ
El arroz	אַרראָ'דס	רייז
El niño	ני'ניאָ	דאָס קינד

א) אין דער פריערדיקער לעקציע האָבן מיר געבראַכט מוסטערן פון צייטווערטער ביי וועלכע דער וואָרטס־שטאַם האט זיך נישט געענדערט, דאס זיינען געווען רעגולמעסיקע צייט־ווערטער. איצט וועלן מיר ברענגען מוסטערן פון אונרעגלמע־סיקע צייטווערטער, ביי וועלכע אויך דער וואָרטס־שטאַם ווערט געענדערט ביים בויגן.

צוערשט וועלן מיר ברייגען צוויי מוסטערן פון אונ־רעגלמעסיקע צייטווערטער, וועלכע מען באַנוצט אָממייסטן.

אונרעגלמעסיקע צייטווערטער ווו דער שטאַם־אות o ווערט געבראָכן אין ue.

די אומרעגלמעסיקע צייטווערטער ווערן אין די ווייטערדיקע לעקציעס באַצייכנט מיט אַ *)

I. Mostrar ווייזן

Muestro	מוּעְ׳סטראָ	איך ווייז
Muestras	מוּעְ׳סטראַס	דו ווייזט
Muestra	מוּעְ׳סטראַ	ער, זי, איר ווייזט
Mostramos	מאָסטראַ׳מאָס	מיר ווייזן
Mostráis	מאָסטראַ׳איס	איר ווייזט
Muestran	מוּעְ׳סטראַן	זיי ווייזן

II. Morder בייסן

Muerdo	איך בייס
Muerdes	דו בייסט
Muerde	ער, זי בייסט
Mordemos	מיר בייסן
Mordéis	איר בייסט
Muerden	זיי בייסן

III. Dormir שלאָפן

Duermo	איך שלאָף
Duermes	דו שלאָפּט
Duerme	ער, זי שלאָפּט
Dormimos	מיר שלאָפן
Dormis	איר שלאָפּט
Duermen	זיי שלאָפן

אומרעגלמעסיקע צייטווערטער ווו דער שטאָם-אות E ווערט גע-בראָכן אין ie

I. Calentar וואַרעמען

Caliento	קאַליע׳נטאָ	איך וואַרעם
Calientas	קאַליע׳נטאַס	דו וואַרעמסט
Calienta	קאַליע׳נטאַ	ער, זי וואַרעמט
Calentamos	קאַלענטאַ׳מאַס	מיר וואַרעמען
Calentais	קאַלענטאַ׳איס	איר וואַרעמט
Calientan	קאַליע׳נטאַן	זיי וואַרעמען

II. Encender אָנצינדן

Enciendo	איך צינד
Enciendes	דו צינדסט
Enciende	ער, זי צינדט
Encendemos	מיר צינדן
Encendéis	איר צינדט
Encienden	זיי צינדן

III. Sentir פילן

Siento	איך פיל
Sientes	דו פילסט
Siente	ער, זי פילט
Sentimos	מיר פילן
Sentis	איר פילט
Sienten	זיי פילן

ב) אויף דעם זעלבן אופן ווערן געבויגן Tener האָבן און Venir קומען; דער חילוק איז דער, וואָס אין דער 1-טער פערזאָן באַקומען זיי א g פאר דער ענדונג.

Tengo, tienes, tiene, tenemos, teneis, tienen.
Vengo, vienes, viene, venimos, venis, vienen.

ג) די אונרעגלמעסיקייט פון: Valer–ווערט זיין, קאָסטן און Salir–ארויסגיין באַשטיין דערין, וואָס אין דער ערשטער פערזאָן באַקומען זיי א g פאר דער ענדונג.

Valer ווערט זיין, קאָסטן

Valgo, vales, vale, valemos, valéis, valen.

Salir ארויסגיין

Salgo, sales, sale, salimos, salis, salen

ד) די צייטווערטער וואָס ענדיקן זיך אויף aer באַקומען אין דער 1-טער פערזאָן א ig.

Traer ברייגנען

Traigo, traes, trae, traemos, traeis, traen.

ה) אלע צייטווערטער, וועלכע ענדיקן זיך אויף ucir און כמעט אלע אויף acer און ecer באַקומען אין דער 3-טער פערזאָן א z פארן c.

Conducir פירן

Conduzco, conduces, conduce,
conducimos, conducis, conducen

Conocer קענען (עפעס, עמיצן)

Conozco, conoces, conoce
conocemos, conocéis, conocen

Parecer שיינען, אויסווייזן

Parezco, pareces, parece,
parecemos, pareceis, parecen

Nacer געבוירן ווערן

Nazco, naces nace, nacemos, nacéis, nacen

ה) ביי אַ קליינער צאָל צייטווערטער פון דער דריטער בייגונג ווערט דער E אין וואָרט-שטאַם פארוואַנדלט אין א i,

Pedir פארלאַנגען, באַשטעלן

Pido, pides, pide, pedimos, pedis, piden

Decir זאָגן

Digo, dices, dice, decimos, decis, dicen

Hacer מאַכן

Hago, haces, hace, hacemos. hacèis, hacen

ו) Estar–זיין און Dar–געבן נעמען אָן oy אין דער 1-טער פערזאָן.

Estoy, estás, está, estamos, estais, están

Doy, das, dá, damos, dais, dan

ח) די פאָלגנדיקע ווערטער זיינען סתם אונרעגלמעסיק.

Haber האָבן

He, has, ha, hemos, habeis, han

Ser זיין

Soy, eres, es, somos, sois, son

Ir גיין

Voy, vas, va, vamos, vais, van

Ver זען

Veo, ves, ve, vemos, veis, ven

Saber וויסן, קענען, פארשטיין

Sé, sabes, sabe, sabemos, sabéis, saben

Jugar שפילן

Juego, juegas, juega, jugamos, jugais, juegan

ט) פון ווייטער אָן ועלן מיר די אונרעגלמעסיקע צייטווערטער באַצייכענען מיט א *) און לויט די ענדונגען וועט מען שוין קענען משער זיין, צו וועלכער אונרעגלמעסיקער גרופע זיי געהערן.

El perro muerde	דער הונט בייסט
Mi hijo enciende la làmpara	מיין זון צינדט אָן דעם לאָמפּ
Los niños juegan en el patio	די קינדער שפּילן זיך אינם הויף
Conozco à este hombre	איך קען דעמדאָזיקן מענטש
¿Qué pide Vd.?	וואָס פאַרלאַנגט איר ?
Me siento muy bien	איך פיל מיך זייער גוט
¿Sabe Vd. leer?	צי קענט איר לייענען
No sé	איך קען נישט
Leo muchos libros	איך לייען א סך ביכער

Comenzar *)	קאָמענדסאַ׳ר	אנהייבן
Empezar *)	עמפּעדסאַ׳ר	
Acabar	אַקאַבאַ׳ר	פאַרענדיקן
Amar	אמאַ׳ר	ליבן
Querer	קערע׳ר	ליבן, וועלן, געפעלן
El amor	אמאָ׳ר	די ליבע
Gustar	גוסטאַ׳ר	געפעלן
Me gusta		מיר געפעלט
Me gustan		מיר געפעלן

¿Le gusta á Vd. este pàjaro?	צי געפעלט דיר דערדאָזיקער פויגל?
No me gusta	ער געפעלט מיר נישט
Me gusta más el perro	מיר געפעלט מער דער הונט
Me gustan los niños	מיר געפעלן די קינדער

איבונג.

